ל.ביילי ווינטשט דעם זון און די שניר די 2 אייניקלעך און דעם זונס אײדעם אין קרובים א גוט געזונט יאר.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינט דאָ, אין אַמעריקע און אין אַרגענטינע אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

ברוך מרדכי קליין און פרוי ווינטשן קרובים און פריינט אַ גוט געזונט יאָר.

אברהם בן יהודה און זיין פרוי לאה און זייער זון יהודה ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרדכי לאַנדער און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, און פריינט און קרובים' אַ שנת חיים ושלום.

אברהם בלום ווינשט כל ישראל און אלע פעלקער א גוט יאר.

מיר ווינטשן געזונט און לעבן אלע אונ־זערע גוטע פריינט — מאיר און דארא ראז.

מילי באריס ווינשט אירע קינדער, פריינט און בעקאַנטע, ספּעציעל די פריינט פון „לשון און לעבן" א גוט געזונט יאר.

א הארציקן מזל טוב אונדזער פריינט
מארי ביעטש און פרוי
צו דער התונה פון זייער זון

מיר ווינטשן אונדזער פריינט
יודל גאלדבערג און פרוי
צו דער תנאים פון זייער איינציקער טאכטער
א הארציקן מזל טוב

פריינט ביילי און פרוי
צו דער בר־מצוה פון ערשטן אייניקעל
אסך נחת

מיר ווינטשן אונדזער קאמיטעט מיטגליד
משה בעקערמאן און פרוי
צו דער בר מצוה פון ערשטן אייניקעל
צו דערלעבן א סך נחת

אַ האַרציקן מזל־טוב
חזן ברוך סמוס און פרוי
צו דער פאַרלאָבונג פון זייער יינגסטער טאָכטער
„פריינט פון יידיש לשון"

פ ר יי נ ט  פ ו ן  יי ד י ש  ל ש ו ן
גראנדיעזער שמחת־תורה באל
(טאַנץ און געשמאַקער צובייסן)
אין דער אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1
**שבת, 15־טן אקטאבער**
איינטריט 5 שילינג 6 פּעניס אָנפאַנג, 7.30

220

# לשון און לעבן

**חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור**


נומער 10 (העפט 350) איין און צוואַנציקסטער יאר אקטאָבער 1960 לאָנדאָן


**רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל**

א י נ ה אַ ל ט :


„יידיש איז טויט !...", יידיש, אַז תמיד אונזער בלוט מיט גאַנץ טוט רינען, תחית־המתים, „ידינו לא שפכו את הדם הזה" ........ ** 1
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע : קוהלת און איוב ........ י. ריכטיגער 6
דאָס גלאָז (ליד) ........ ש. האַלקין 12
דו (ליד) ........ שמואל וההייט 13
ווען איז אַ פריינט אַ פריינט ? (ליד) ........ עלען ווינאָגראַד 13
דאָס בראָשקעלע (דערציילונג) ........ י. ביעטש 14
אויף ווייטשעפּל גאַס, האַרבסט (לידער און באַלאַדע) ........ א. נ. שטענצל 20
דער גליקלעכער מענטש (דערציילונג) ........ סאָמערסעט מאהם 24
זכרונות וועגן מאָריס שוואַרץ, ע.ה. ........ ש. י. דאָרפזאָן 29
קול־העם כל־הגוימדיקער (שלוס פון לייטאַרטיקל) ........ 32
אַ „יעמוד" פאַר ענגליש פראַנצויזיש און שפּאַניש — אָבער נישט פאַר יידיש (אַן אָפענער בריוו צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַר־קאָנפערענץ, צו שאַפן אַ וועלט פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן) ש. י. דאָרפזאָן
יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס ........ 32


**פרייז 2 שילינג**


**אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאר**

**אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—**

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## סעמינאַר פאַר קולטור און וויסן (ווינטער 1960־61)

ביי „פריינט פון יידיש לשון", קאַנאַן באַרנעט סקול קאָמערשל סטר. א.1.

יעדן דינסטיק אָוונט 8 אַזייגער

דינסטיק, דעם 1'טן נאָוועמבער

לעקטאָר : יעקב ריכטיקער

טעמאַ : דער קולטור גערעַנגל ביי די חכמי־התלמוד

דינסטיק, דעם 8'טן נאָוועמבער

לעקטאָר : מיכאל זילבערבערג

טעמאַ : די יידן אין מזרח־אייראָפּע

דינסטיק, דעם 15'טן נאָוועמבער

לעקטאָר : יוסף פרענקעל

טעמא : די געשיכטע פון ציוניזם און דער אויפבוי פון ישראל

דינסטיק, דעם 22'סטן נאָוועמבער

לעקטאָר : לוציאַן בליט

טעמע : די געשיכטע פון יידישן סאָציאַליזם

דינסטיק, דעם 22'סטן נאָוועמבער

לעקטאָר : דר. יעקב מייטליס

טעמא : די יידישע ליטעראטור

## אלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס טרעט צו אַרויסצוגעבן יערלעכע ליטעראַרישע אלמאנאכן אונטערן נאמען „יידיש"

דער אלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס טרעט צו אויסצופירן דעם באַשלוס פון זיין צוזאמענפאַר און פון זיין עקזעקוטיווע, אַרויסצוגעבן יערלעכע ליטעראַרישע אלמאנאכן, געווידמעט דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, אונטער, נאָמען „יידיש". די אלמאנאכן וועלן האלטן פון 400 ביז 500 זייטן, און וועלן אָפּגעבן א גרעסערע צאָל זייטן אויף בעלעטריסטיק־דערציילונגען, דראַמעס, עסייען און פּאָעזיע. עס וועלן אין זיי אויך זיין אָפּהאַנדלונגען איבער אַקטועלע ליטעראַרישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

דורך דער דאָזיקער מודעה פאַרבעט די רעדאַקציע אַלע יידישע שרייבער, וואָס ווילן זיך באַטייליקן אין די אלמאנאכן „יידיש", זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער רעדאַקציע.

Almanac "YIDDISH"
Congress for Jewish Culture
25 East 78 Street,
New York 21, N.Y.

---

אונזער פריינט **יצחק מאַנדעלבוים** אַ בן־שבעים, מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך גוטע געזונטע יאָרן.

פריינט פון יידיש לשון

---

אונזער פריינדין **רבקה היישעריק** וואָס געפינט זיך אין שפּיטאָל ווינטשן מיר אַ רפואה שלימה.

פריינט פון יידיש לשון

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 10 (העפט 350) איין און צוואַנציקסטער יאָר אָקטאָבער 1960 לאָנדאָן

## „יידיש איז טויט" ! . . .

1

יידישן ליגט אין שטאַרבן, אָט־אָט איז די גסיסה און ס'ציען זיך די פיס אויס . . . וואָס מוטשעט מען, נעבעך, דעם חולה מסוכן און די וואָס מוזן אַרומגיין אַרום דעם שכיב מרע . . . זאָל דאָך שוין נעמען אַ סוף ! צוגעמאַכט אַן אויג און פטור אַן עסק . . . ס'איז דאָך ממש אַ רחמנות צוצוזען . . . מיר שטייען דאָך פאַר אַן אומענדערלעכן פאַקט : „ברוך דיין אמת".

דאָס ביסל ארץ־ישראל־ערד אין טאָרבעלע ליגט שוין אָנגעגרייט, די תכריכים אויפגעניייט, און די שערבעלעך אויף די אויגן וואָס מען לייגט . . . פונם טלית איז די ציצה שוין אָפּגעריסן, כדת וכדין פסול אָפּגעביסן . . . און אויב דעם ארון באַדעקן מיט די רויטע פאָן ? „פּליס", מיט גרעסטן העלדן־כבוד — „אָ, ווען איך וועל שטאַרבן !" שטייט שוין דער געמישטער כאָר אַן איינשטודירטער און קאָן זיך גאָר נישט דערוואַרטן : שוין אויס פאַרקויפט צום „שוי" אַלע „פיונערל"־ערן־קאַרטן . . . שאַ, די צדקה־תציל־ממות־פּושקע קלינג מיטן טאָן פון „אָ, איר קירכן גלאָקן" . . . די שמשים קאָנען זיך גאָר נישט דערהאַרן און די מקברים דאָס קבר צו צושאַרן.

און די גרויסאַרטיקע מצבה ערשט וואָס מען וועט שטעלן ! ממש אַ מאָנומענט, אייטל מירמלשטיין, לויטער אַלבאַסטער : דעם פּ. נ. אויסגעקריצט פון פיינסטן גין־גאָלד, און דער מייסטערלעך געמייסלטער אַקראָסטיך, מיט לאַטיינישע און גאָטישע אותיות, און קונציק און אַך־קוצצדיק געגראַמט אין אַלע שבעים לשונות־שפּראַכן.

און אַ געדונגענעם קדיש זאָגער, — אַזוי מיט אַ געמבע, חזניש־רעוורענדיש, — „ערב ובוקר בכל יום תמיד פעמים באהבה". און ערשט די „ספּיטשעס" אין די יאָרצייטן, א כפּרה אלע צוגעגרייטע הספדים . . .

ווי מען זעט האַנדלט זיך דאָ אינם בעסערן טייל אונזערן, פון די מיט רחמנות געפיל, מיט יידישלעכע הערצער, מיט סאָציאַלן פּאַטאָס, פון די קינצלעריש געשטימטע ; מיט איין וואָרט פון די אייגענע — פון די קאָלעגיאַלקלאַנגדיקע !

פאַר די אַנדערע, פאַר די פאָרטגעשריטענע, פאַר די אַקטיוויסטן, פאַר די חלוצים — פאַר אַוואַנגאַר בלע"ז ! — פאַר די האָפּערדיקע : איז יידיש שוין טויט ! געשטאָרבן און באַגראָבן אונטערן בית־הקברות־צוים קבורת־חמור. פאַר זיי איז יידיש שוין לאַנג . . . אבער זיי קאָנען זיך גאָר נישט זאַט אָנעסן מיט די באַגרעבעניש־מאָלצייטן מיט בשר־כשר און צומאָל מיט אל מלא רחמימס געאָרגלטע אָרגיעס פאַרביסענע מיט בשר־קוויטש.

די אָבער וואָס שטייען, האַרץ־צעבראָכענע, טרויעריקע, אַרום דעם חולה, — זייער איינציקס און טייערסטעס וואָס פּאָכעט מיט דער נשמה, — און וואַרטן ציטערדיק אָפּ דעם קריזיס... שרייען־אָפּ, זעצן נעמען צו: „יידיש קודש, „מאַמע לשון" און זיינען אין זייער גרויס שרעק און זאָרג פול מיט בטחון: האָבן זיי אַן אַנדערע עצה ווי זיך צו פאַרלאָזן אויף דעם וואָס לעבט אייביק?

און יעדע האַרץ־קלאַפּנדיקע, אויסגעהאַלטענע רגע, לאַנג ווי דער גלות, איז אַן אייביקייט, און יעדעס קוים־אויפגעכאַפּטע פיבער־מטושטשע וואָרט — אַ הייליקייט. אליין אויסגיין קאָן מען פון אַזאַ איבערגעבענעם שטומען בליק מיט אַזויפיל ירושה־סודות, נישט דערזאָגטע, איבערצוגעבן לדור־דורות; אַזאַ לעצט־וואָרט געשטאַמל, אַזאַ כאָרכל־געפלאַפּל, ציט זיך דאָך אומענדלעך ווי קיינמאָל נישט אויפצוהערן; עס ווערט דאָס פאַריינגטע, דאָס מאַמעדיק־שטילנדיקע וויגן־ליד פון אַן אומשטערבלעך פאָלק.

2

די עכטקייט פון אַ שפּראַך, אַן אידיאָם, אַ פאָלקלאָר, פון אַ ליטעראַטור איז, אז זיי זיינען אַ טייל פונם פאָלק, בלוט פון זיין בלוט, געביין פון זיין געביין, און דער סמן־מובהק פון דער עכטקייט פון אַ פאָלק און זיין ליטעראַטור איז, אַז זיי טיילן דעם זעלבן גורל „עמו אנוכי בצרה".

יאָ, אַלץ וואָס ווערט געבוירן מוז שטאַרבן! און טויט איז טויט!! „מי בחרב ומי בחניקה", ווער עס שטאַרבט אויפן אייגענעם בעט און ווער אין שלאַכט, ווער אויף שייטעהויפן און ווער עס גייט אין גאַז־קאַמער, אָבער די העלדישקייט און די קדושה פון אַ פאָלק שטייט אויף תחית־המתים אין זיין עכטע ליטעראַטור.

מאַנכע פעלקער, ווי מענטשן גייען ערשט אויף כף־הקלע, ווערן מגולגול, האָבן גילגול־מחולות — נישט ווייניק דיבוקים לויפן אַרום אויפן ביכערוועלט! — אָבער וועלכער שטאַרבלעכער בן־אדם קאָן לייקענען אין דער פּאַטריאַרכאַלער לעבעדיקייט פון אונזערע אומשטאַרבלעכע אָבות, צווייפלען אין דער ליבשאַפט פון יעקבן מיט רחלען? און דער פעלזיקער גלויבן פון אַ דוד המלך! און דער אייביקער חזיון פון ישעיה הנביא... זיבן מאָל זיבן מאָל לעבעדיקער, וויביים לעבן זיינען די ביבלישע מענטשן אויפגעשטאַנען תחית־המתים אינם תנ"ך.

און די זעלבע דערפאַרונג האָבן מיר אַדורכגעמאַכט מיט די חכמי־התלמיד! פון די אגדה־לעגענדע, גוזמאדיקע מדרש־מעשה זיינען זיי נישט נאָר אַרומגעגאַנגען ווי אויף שטאָלצן אין די געסלעך פון אונזערע אַמאָליקע שטעטלעך — אַ פערזענלעכקייט ווי אַ הלל הנשיא, אַ קדוש ווי רבי עקיבא זיינען נאָך דער לעבעדיקער שטאָלץ, וואָס באַגלייטן אונז, היינטצייטיק, אין אונזער אייביקייט אַריין.

דער וועג פון דער ביבל, ווי זי איז אַריין אַ טויזנט שפּראַכיקע צווישן די שבעים אומות, אָנגעהויבן מיט גריכיש און לאַטיין, ביז זי זאָל צוריק אַרויס אַ פאַרטייטשטע מיט טויזנט און איין פּירוש, נישט פאַרלוירן צו ווערן אַ תנוק שנשבע בין האומות, ווי האָבן מיר זי צוריק געמוז קונה זיין און מקדיש זיין מיט הרוגי מלכות און מיט שייטער־הויפנס. און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג מיט גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס אונזער נייעם שבעל־פה און שבכתב פון אונזער יידיש און מאָדערנע ליטעראַטור.

די געבורט פון איין שטערבלעכן, די עקסיסטענץ פון איין בידנע לעבן וויפיל ליבשאַפט איז נויטיק און וויפיל ברוטאַליטעט, ערשט אַז טויזנט יאָר זאָלן תחית־המתימדיק אויפשטיין, זיבן מאָל זיבן מאָל לעבעדיקער, רעאַלף־לאָסטיש שער און דערפילט טיף אומשערבלעך — — —

יאָ עס נוטיקן זיך, מסתם, די אַלע באַצילן און מיקראָבן וואָס פרעסן זיך איין אינם לעבעדיקן לייב, און די אַלע שאַקאַלן און ווערעם וואָס לאָזן די פּגרים אין די קברים נישט במנוחה; יאָ, עס נויטיקן זיך מסתמא די אַלע הענדלערס און שאַכער מאַכערס וואָס שרייען אויס די ירושה בגדים, ווי טראַנטעס און ראַמשן־הענדלער אויפן מאַרק און הורטאַוווניקעס אויף ירידים; יאָ, עס איז מסתם דער טומל, כדי צו דערפילן שפּעטער דעם קול־דממה דקה נאָכן רעש און גערידער נאָך טיפער.

עס דונערט און בליצט און גייען די שלאַקס־רעגנס און ס'פלייצן די געוויסערס, אָבער אין דער טיפעניש ווי גייט עס שטיל, ווי וואָרצלען וואָס זאַפּן איין די אײדלסטע זונען־שטראַלן, געלייטערט טראָפּ נאָך טראָפּ אין דער טיפעניש פון דער ערד, אַז קיין איין קריסטאָל־קלאָרער טראָפּ זאָל חלילה נישט פאַרלוירן ווערן.

3

פאַר די בתי־כנסיות און בתי מדרשים, שולן און שטיבלעך איבער גאַנץ אייראָפּע, פאַר די סינאַגאָגעס ווי זיי זיינען נאָך איצט, פאַר אויפבויענדיקן ישראל געגוגן די פיזישע דורות, די אָפּוויגלדיקע עפּאָכעס פון אונזער עקסיסטענץ, אָבער אַז זיבן מאָל זיבן מאָל לעבעדיקער זי זאָל אויפשטיין — — —

ווער ווייסט דעם מיסטעריע וועג פון דעם ארמי יעקב, וואָס פאַרדרייט זיך אויף טויזנט וועגן און אומוועגן, פאַרקויפנדיק זיך פאַר בידנעם „לחם לאכול" און „בגד ללבוש" ביז צו דעם אומשטערבלעכן פּאַטריאַרך וואָס גייט אַרויס אַזאַ רעאַל־לעבעדיקער פון די חומש־מעשיות, געאייביקטער פאַר אַלע פעלקער.

און פאַרשטייען מיר ווי אַן אליהו, אַ גרימצאָרנדיקער בייזער בעל־נוקם, וואָס פּאָכעט רק מיט שאַרפער האַק איבער די קעפּ, גייט טויזנטער יאָר שוין איבער דער גאָר וועלט, ווי גוטינקסטער בעל־רחמים און בשורות ברענגער? דאָס איז דער גורלדיקער סוד פון עכטקייט וואָס גייט פאַרזיווגט געפּאָרט צו דער מיסטעריע פון אומשטערבלעכקייט.

און די געשטאַלט־פערוואַנדלונג, — שוין אַ תלמודישע! — וואָס איז אויפגעשטאַנען אין הלולה־פייערן פון זוהר־ליכטיקייטן, פאַרשטייען מיר? דעם

פאַרבן־שלל וואָס די מיסטישע פאָלק־פאַנטאַזיע פאַרמאָגט אויסצומאָלן אירע פלאַסטישע געשטאַלט — —

און אַז מען וועט לייענען לימים, — וואָס זיינען טויזנט יאָר פאַרן נצח־ישראל! — אויסגעשיילטע פון אַלע איבערזעצונגען און פון אַלע פרושים און פון אַלע פרד״ס פרושים אויף פרושים (עס איז בפירוש נויטיק, אַ מטושטושער 1000 יאָריקער דאַצווישן, בכדי נאָך דורות זאָל זיך קענען אַרויסטיילן אַ פלאַסטישע יאָדערדיקייט, אַ זאַפטיקע קלאָרקייט פון אַ פרעמד־פעוואָלגערטער עפּאָכע.) דעם טעקסט פון אונזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, דעם זינג־זאַנג טראָפּ פון אונזער מאָדערנער דיכטונג — — —

וואָסער הייליקייט און העלדישקייט, וואָסער תחית המתים געשטאַלטן און וויזיע טרעגער ווי געוואַלטיק וועלן זיי שטייען פאַר די פאַרבליפנדיקע אויגן. אַ זאַץ פון זייער מויל וועט מען גאָרנישט קאָנען אַראָפּלאָזן פון די ליפּן; טויזנט מאָל אים ווידער מטעים זיין, ווי אונזערע טאַלעס אַ פסוק תהילים.

יידיש איז טויט... יידיש שטאַרבט... „כי עליך הרגנו כל היום“! אזוי שאַפט אַן עכט פאָלק אַן אומשטערבלעכע ליטעראַטור. אזוי איז געשאַפן געוואָרן דער תנ״ך אַזוי, דער תלמוד און אזוי די יידישע ליטעראַטור. „אדם כי ימות באוהל“, טייטשן אונזער חכמים: נאָר מיט טויט ווערט די תורה מקוים.

יידיש איז מיט העברעאיש און אַראַמעאיש דער דריטער דרים אינם געד־רייטן פאָדים, דער חוט המשולש וואָס ווערט נישט איבערגעריסן.

די יידישער ליטעראַטור איז נישט נאָר נייע רעאַליטעט פון אַ נייע טויזנט יאָריקער עקסיסטענץ, זי איז אויך דער פלאַסטישער מאָדערנער אייראָפּעאישער פאַרטייטש פון אונזער ביבלישער מאָראַל און תלמודישער עטיק אין א יידיש־לעכער געפאָרעמטער עסטעטיק. מיט דער סינטעטיטער פאָרעם פון דער מאָ־דערנער יידישע ליטעראַטור ווערן מיר אַ גאַנצקייט פון אַ קולטור־פאָלק.

## יידיש

פון גאָטס נעמען, שדי, יי,
איז דאָס וואָרט יידיש צונויפגעשטעלט;
און אויב מיט לשון־קודש, עברית,
דער באַשעפער באַשאַפן די וועלט,
מיט יידיש ר׳וועט מוחל זיין די מענטשן:
„הערט צו רבותי מיר וועלן בענטשן“ —

אינם טאָג פון לעצטן יום־הדין,
מיט די זינד פון מענטש פול די וואָג־שאָל:
ווי האָבן די אומות־העולם,
גרויזאַם פאַרמוטשעט מיין פאָלק ישראל — —
„פאַרגעב“! וועט זיך יידיש צעשרייען —
„איך בין דאָך געבוירן, אין די ווייען“.



## און תמיד אונזער בלוט מיט גאט עס טוט רינען

האַלב האָבן די געטאָ־ווענט צוגענומען,
אַ העלפט פערפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער,
און דאָס ביסעלע וואָס איבערגעבליבן, —
דער שארית־ישראל, דער מעשר מן המעשר! —
אַ מאָנקאָליע אין זינען זיך גענומען:
פאַרטיליקט צו ווערן פון אייגענע האַסער.

ס׳האָט גאָט זיין געוועט נישט פאַרשפילט ביים טייפל!
מ׳שטיינסגעזאָגט, וואָס קאָן יענער שוין געווינען?
ער טאָפּלט אַהין, ער פאַרטאָפּלט אַהער,
אַ מאָנקאָליע וואָס גענומען זיך אין זינען.
אַ שטיין אויף אַ שטיין שטייט די מוריה־וואַנט,
און תמיד אונזער בלוט מיט גאָט עס טוט רינען.

## תחית־המתים

אין די לעצטע קאַפּיטלעך פון „תחית־המתים“:
„אין פראָנט צווישן די פענסטער געהאָנגען גאָטס בילד,
לינקער זייט פון דער טיר געשטאַנען די פאַראַשא“,
און אַז אַראָפּגענומען די איקאָנאָ־שילד, —
גאָטס־זון אין אַ צוויי־באַקיגע מאַסקע פאַרשטעלט! —
דעם לעבעדיקן בערגעלזאָן אַוועקגעשטעלט.

שטייט ער אַזוי אַן אויסגעפּאַטשטער ביי דער „פאַראַשא“:
„אזאשא“! טוקט ער ליכטיק־קלאָר זיין בליק אין דרעק,
„צום קלוגן זאָג פון זיידן האָסט זיך נישט צוגעהערט:
לאָז דיך נישט מיט אַ גוי אין ווייטן וועג אַוועק
ער צלמט זיך נישט פאָרנדיק צערקווע פאַרביי
שפרונג פון וואָגן אַראָפּ, בעסער צופוס גיי“.

און כאָטש זיכער ער ווייסט עס: אין גילדענעם רעם,
מיטן גרויסן טאָלסטאָי איינגערעמט ער וועט זיין,
און אין פראָנט צווישן די פענסטער געהאָנגען דאָס בילד,
ווען דאָס לאַנד צו תחית־המתים וועט אויפשטיין.
דאָך שמייכלט ביטער, אראפהענגענדיק, זיין ליפּ:
„ס׳וועט זיך הערן דערפון!...“ גיט אין אים אַ מין כליפּ.

## „ידינו לא שפכו את הדם הזה“

יידיש ווייטשעפל, שטעטל ד׳בריטן,
האָט מען דיך אין גאַז־קאַמער נישט געטריבן,
פון שייטערהויפנס, און קרעמיאַטאָריעס,

געבליבן געביין אויף אַש נישט צעריבן,
לעבעדיק אין קבר דיך נישט פאַרשיט,
אָבער וואָס איז פון דיר איבערגעבליבן?

אין דיינע גאַסן כ'וואַנדל אַרום איצט,
קוק און קוק און קען דיך קוים נאָך דערקענען:
אין די שולן, ווי אונטער אַש־קופּעס,
צאַנקנדיקע פונקן — נר־תמיד'ס ברענען!
מילא, די טאַטע־מאַמעס געשטאָרבן,
בלויז די קינדער, די אייניקלעך ווו זענען?

יידיש ווייטשעפל, שטעטל ד'בריטן,
האָט מען דיינע שרייבער נישט אויסגעשאָסן,
פרעסע, טעאַטער מיט מאכט נישט פאַרמאַכט,
קלובן און שולעס מיט צוואַנג נישט געשלאָסן — — —
דעם פסוק צומאָל נישט קענען זאָגן:
„ס'האָבן אונזרע הענט דאָס בלוט נישט פאַרגאָסן".

(שלום זייט 32)

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### קהלת און איוב

ווען מען האט אנגעהויבן מסדר זיין דעם תנ״ך האבן א טייל פון די חכמים ניט געלאזט אריינצונעמען דעם ספר קהלת, זייער טענה איז געווען אז אין אים געפינען זיך „דברים שהן נוטין לצד מינות": „רייד מיט אפאסטאטישע טענדענצן. קהלת זאגט: „פריי זיך בחור אין דיין יוגענט, לאז ווויל גיין דיין הארץ אין די בחורישע טעג, גיי אין די וועגן וואס הארצן דיך און פאלג די זעאונג פון דיינע אויגן". און תורת משה האט געבאטן: „איר זאלט ניט נאכגיין נאך אייער הארץ און נאך אייערע אויגן, וואס איר ווערט פארפירט פון זיי". הגם די פארטיידיקער פון ספר קהלת האבן אנגעוויזן, אז קהלת זאגט ווייטער: „און זאלסט וויסן פאר אלעס וואס דו וועסט טוען וועט דיך דער אלמעכטיקער ברענגען צום משפט", וואס איז ריכטיק און גוט. (ויקרא רבה פכ״ח־א׳, קהלת י״א, במדבר ט״ו).

אייגנטלעך איז קהלת ניט געווען דער איינציקער ספר, וואס דער טייל פון די חכמים האט געוואלט עלימינירן פון תנ״ך, זיי האבן אויך געוואלט באזייטיקן דעם ספר יחזקאל. אבער די אנגעגעבענע סיבה וועגן ספר יחזקאל איז געווען, אז עס זענען פאראנען אין אים סתירות צו תורת משה, ניט ווייל ער איז אפאסטאטיש, האט זיך חזקיה בן גרון אנגעשטרענגט צו פארענטפערן די סתירות און דער ספר יחזקאל איז געווארן אריינגענומען אין תנ״ך. (שבת י״ג) אליין די ספרים שיר השירים, משלי און קהלת, וואס שלמה המלך זאל האבן פארפאסט, זענען געווען אויסגעשלאסן (אבות דרבי נתן פ״א־ד׳) נאך א קורצן האמפערן זיך האט מען אויך דעם ספר שיר השירים אריינגענומען, (ידים פ״ג מ״ה)



ניט משלי און קהלת, זיי זענען א לאנגע צייט געבליבן צווישן די ספרים חיצונים, ווי עס ווייזט זיך ארויס איז אפילו נאכן צווייטן חורבן נאר געווען צוויי און צוואנציק ספרים אין תנ״ך. (יוסיפון־פלאוויוס „קעגן אפיאן" בוך 1, פאר. 8) און דעם קאמף קעגן ספר קהלת האבן די חכמים געפירט מיט פארביטערונג און פאנאטיזם, אים אנגערופן אן אפאסטאט, ווייל ער האט רעפלעקטירט א וועלט באנעם, וואס איז ביי זיי געווען אפגעפרעמדט. זיי זענען געקומען פון די ביתוסישע אדער איסימישע ישיבות, ווו דער וועלט באנעם איז געווען א פאנטעאיסטישער, האט דער ספר קהלת מיט זיין ריינעם מאנאטעאיסטישן וועלט באנעם אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי איינפלאנצן א פרעמדן בוים אין יידישן גארטן.

מיט אפענע ארעמס האבן די ביתוסישע חכמים, די קעגנער פון ספר קהלת, אויפגענומען דעם ספר איוב, הגם א גוי האט אים פארפאסט, (בבא בתרא ט״ו און תוספות) ווייל דער ספר איוב איז דער קאטעכיזם פון פאנטעאיסטישן גלויבן, אין וועלכן זיי זענען דעצויגן געווארן. דעם טראגי־קאמישן שפיל פון א גערא נגעל צווישן גוטע און שלעכטע מלאכים אין הימעל, וואס זייערע ישיבות האבן איבערגענומען פון דניאל און איבערגעגעבן פון דור צו דור, האט דער מחבר פון ספר איוב פארגעשטעלט אין א טעאטראלישן אופן. גלויבענדיק, אזוי ווי אלע פאנטעאיסטן גלויבן, אז דעם צדיק טרעפט ניט קיין שלעכטס, איז ער געקומען צום אויספיר, אויב דעם צדיק גייט אמאל שלעכט מוז די סיבה זיין א געוועט צווישן די מלאכים אויסצופרובירן דעם אמת פון זיין צידקות, האט ער טאלענטפול אויסגעדיכטעט און מיט זיין קינסטלערישע פעדער באשריבן די ווייטער ציטירטע סצענע:

„עס איז געווען — זאגט ער — דער טאג ווען די „בני האלהים": די זין פון דער אלמעכטיקייט זענען געקומען פאר דעם ריכטער טיש פון זייער אלמעכטיקן פאטער צו רעפארטירן וועגן די געשעענישן וואס האבן פאסירט אין משך פון יאר אויף די הימלען און אויף דער ערד. צווישן זיי איז אויך געווען דעם אלמעכטיקנס זין, דער שטן, דער מקור פון שלעכטקייט, האט דער אלמעכטיקער געפרעגט דעם שטן — פון וואנען קומסטו? האט דער שטן געענטפערט — פון וואנדערן איבער די ערד און זיך צוקוקן וואס גייט אן דארט. האט דער אלמעכטיקער געזאגט צום שטן — האסטו דיר גענומען צום הארצן די אויפפירונג פון מיין קנעכט איוב, אז עס איז ניטא ווי ער קיין צווייטער מאן אויף דער ערד ערלעך, רעכטפארטיק, גאטספארכטיק און אפגעקערט פון זינד? האט דער שטן איראניש געפרעגט דעם אלמעכטיקן — איז דען איוב גאטספארכטיק פאר גאר ניט? באשיצסטו ניט אים און זיין הויזגעזינד דערפאר? די ארבעט פון זיינע הענט האסטו געבענשט, זיינע פעלדער און גערטנער זענען פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד, פארוואס זאל ער ניט זיין גאטספארכטיק? שטרעק אויס דיין האנט און נעם אוועק עפעס וואס איז זיינס, וועסטו זען אויב ער וועט דיך ניט לעסטערן. האט דער אלמעכטיקער דערלויבט דעם שטן צו פארארעמען איוב'ן, זענען שבאער באפאלן זיינע פעלדער, האבן אומגעבראכט זיינע קנעכט און צוגערויבט די רינדער, א פייער האט

פארברענט זיינע שאף, און זיינע קינדער זענען אומגעקומען פון א שטורמווינד, אבער ניט קוקנדיק אויף די אומגליקן וואס האבן אים געטראפן איז ער ווייטער געבליבן ביי זיין צידקות און האט ניט געלעסטערט דעם אלמעכטיקן. א יאר איז פארגאנגען און ווידער איז געקומען דער טאג ווען די זין פון דער אלמעכטיקייט פארזאמלען זיך צום ריכטער טיש. אז דער אלמעכטיקער האט געהערט — איוב איז געבליבן ביי זיין צידקות, הגם מען האט צוגענומען זיין האב און גוטס, איז דער אלמעכטיקער אין כעס געווארן אויפן שטן, ווייל ער האט אים אנגערעדט צו פארשלונגען איוב׳ס פארמעגן בחנם. האט דער שטן געזאגט צום אלמעכטיקן — ער לעסטערט דיך ניט מחמת דו האסט בלויז צוגענומען פון אים זיין האב און גוטס, שטרעק אקארשט אויס דיין האנט און שלאג זיין ביין און פלייש, פלאג זיין קערפער מיט אייטערדיקע בײלן, וועסטו זען אז ער וועט אויפגעבן זיין צידקות און דיך לעסטערן. האט דער אלמעכטיקער דערלויבט דעם שטן צו פלאגן איוב׳ן מיט א פארך פון פיאטע ביזן שארבן, און הגם זיין ווייב איז צו אים צוגעשטאנען ער זאל לעסטערן דעם אלמעכטיק און שטארבן, כדי באפרייט צו ווערן פון די שרעקלעכע ליידן, דאך האט ער איר ניט געפאלגט און איז געבליבן ביי זיין צידקות. דערפאר איז ער געזונט געווארן און דער אלמעכטיקער האט אים געגעבן צוויי מאל אזוי פיל האב און גוטס״...

מען איז באַרעכטיקט אנצונעמען, אז עס איז די ביתוסים געלונגען אריין צו שמוגלען דעם גוישן ספר איוב מיט זיין געטליכע קאמעדיע צווישן די כתבי קודש אין משך פון דער צייט וואס זיי זענען געשטאנען בראש פון יידישן רעליגיעזן לעבן בשותפות מיט די פרושים. אין דער לעצטער לעקציע איבער יידישן וויסן, ביים סעמינאר פון „לשון און לעבן״, האב איך אנגעוויזן אז נאכן קולטור קאמף אין דער צייט פון עזרא און נ חמיה זענען אנטשטאנען דריי סעקטן ביים יידישן פאלק. איין סעקטע האט זיך אנגערופן צדוקים, זיי זענען געווען די נאציאנאלע פארטיי וואס האט געזוכט איינצופונדעווען דאס גאנצע יידישע פאלק אין ארץ ישראל מיט דער הילף פון צדק און יושר: ערלעכקייט און ארנטלעכקייט. א צווייטע סעקטע האט זיך אנגערופן ביתוסים, זיי זענען געווען די רעליגיעזע פארטיי וואס האט פארוואָרפן דעם געדאנק פון א היימלאנד, זיי זענען געווען די פאנטעאיסטישע נאכפאלגער פון דניאל און ברוך בן בריה, וואס האבן אויסגעטייטשט דעם פסוק — „בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך״: אין יעדן לאנד ווו דער אלמעכטיקער וועט אויפשטעלן א בית הכנסת צו לערנען און צו פאררריכטן זיינע ריטואלע צערעמאניעס וועט ער קומען צו דיר און דיך בענטשן. און א דריטע סעקטע האט זיך אנגערופן פרושים, זיי זענען געווען די נאציאנאל־רעליגיעזע פארטיי, וואס האט געוואלט אויפהאלטן דאס יידישע פאלק אין ארץ ישראל מיט דער הילף פון ריטואלע צערעמאניעס.

אין די געשיכטליכע אנאלן פון די יידישע מלחמות אין משך פון צווייטן בית המקדש קאן מען זען, אז דאס זענען טאקי געווען די קאנצעפציעס פון די



העמאלטיקע דריי פארטייען. אז א שונא איז אנגעפאלן אויף ארץ ישראל זענען די צדוקים שטענדיק געווען אין דער ערשטער ריי פון די פארטיידיקער, זיי האבן אוועק געגעבן זייער לעבן פאר דער זעלבסטשטענדיקייט פון זייער לאנד. די ביתוסים אבער האבן זיך וועגן ביטול תורה ניט געוואלט באטייליקן אין קיין מלחמה און אפילו זיך ניט געוואלט איינגעוויינען צו באנוצן א שווערד אדער א שפיזקעגן די מערדער פון זייערע פרויען און קינדער. (פילון היהודי „כתות מני קדם״ ז. 20) און פון די פרושים האבן א טייל געקעמפט צוזאמען מיט די צדוקים כדי צו פארטיידיקן די רעכט פון זייער פאלק זיך אויסצולעבן לויט זיין תורה אין זיין לאנד, בעת אן אנדערער טייל פון זיי איז איבערגעלאפן צום שונא און פאררראטן זייער לאנד און נאמען פון דער תורה.

די ארמיי פון די ערשטע חשמונאים איז געווען צונויפגעשטעלט פון צדוקים און פרושים, אבער הגם זיי האבן באפרייט דעם בית המקדש פון די יונים און צוריק איינגעשטעלט די עבודה אין בית המקדש, דאך זענען זיי געווען אין די אויגן פון די ביתוסים אוזורפאטארן: פארכאפער, ווייל לויט זיי האבן די חשמונאים ניט געהאט קיין ירושה רעכט אויף די כהונה גדולה. עס איז זיי ליבער געווען אז די יונים זאלן זיין אין בית המקדש ווי די חשמונאים און צוזאמען מיט די פאנאטישע פרושים האבן זיי אונטערגעגראבן ביים יידישן פאלק דעם פרעסטיזש פון די חשמונאים. ווען דער אלטער קארופטירער כהן גדול אליקים איז מיטן יונישן גענעראל באקכידאס און א גרויסע יונישע ארמיי אנגעקומען קיין ארץ ישראל האבן די סופרים און חסידים, די בשותפותדיקע מנהיגים פון יידישן רעליגיעזן לעבן, פאררראטן יהודה המכבי און געשלאסן מיט די יונים א שלום, ווייל — ווי זיי האבן דערקלערט — אליקים איז דער אמתער כהן פון שטאם אהרן. (חשמונאים־א. ז׳־י״ב, זעט אויך קידושין ס״ו).

די ביתוסים זענען אויך געווען די ערשטע אויסצוטייטשן די געזעצן פון תורת משה און דעם גרעסטן טייל פון די ריטואלע און צערעמאניעלע געברויכן האבן זיי פארמולירט, ווייל זייענדיק פאנטעאיסטן איז דאס ביי זיי געווען דער עיקר פון די מצוות. די סייגים פון „שבות״ און „מוקצה״: טעטיקייטן וואס זענען ניט קיין מלאכה, ווי שווימען, רייטן און דעסגלייכן צוליב פארגעניגן און ספארט, אדער אנרירן זאכן אין שבת וועלכע מען האט ניט נויטיק, שטאמען אויך פון זיי. (יוסיפון־פלאוויוס „די מלחמות פון די יידן״ בוך 2, קאפ. 8, פאר. אַ) דער מנהג פון „חיבוט ערבה״: קלאפן הושענות אין הושענה רבה איז געווארן איינגעפירט צו דערמאנען דעם ערשטן נצחון פון די חשמונאים איבער די יונים, (חשמונאים־ב. י׳) וועגן זייער שנאה צו אלעם וואס האט דערמאנט די נצחונות פון די חשמונאים האבן זיי געזוכט מבטל צו זיין דעם מנהג און דערפאר געפסקנט, אז קלאפן הושענות אין שבת איז א שבות, (סוכה מ״ג) האבן די שפעטערדיקע חכמים פון די פרושים געמוזט ארראנזשירן דעם לוח אז הושענה רבה זאל ניט אויספאלן אין שבת, כדי אויפצוהאלטן דעם מנהג.

אגב איז דער מנהג פון „חיבוט ערבה״ אין דער צייט פון די לעצטע חשמונאים פארענדערט געווארן, צוערשט האט איינער געשלאגן דעם צווייטן

מיט די הושענות, צום אנדענקן פון דעם וואס אין אנפאנג פון אויפשטאנד קעגן די יונים האבן די חשמונאים ניט געהאט קיין כלי זין און געמוזט קעמפן מיט צווייגן פוןביימער קעגן ביז צו די ציין באוואפנטע יונים. אבער איינמאל האט א ביתוסי, וועגן זיין שנאה צו די חשמונאים, אין דער טומלעניש געשלאגן מיט זיין הושענה א חשמונאים מלך בעת ער איז געשטאנען ביים מזבח און מקריב געווען די קרבנות פון טאג, איז זינט דעמאלט, מחמת זיינע סאלדאטן האבן אומגעבראכט א גרויסע צאל פון די פארזאמעלטע אין דער עזרה, געווארן איינגעפירט מען זאל קלאפן די הושענות אויף דער פאדלאגע. (ספר הקבלה להראב״ד.)

די ביתוסים האבן אויך איבערגענומען פון די יונים דעם וואסערשעפ יום טוב, וואס איז געפייערט געווארן יעדעס יאר אין אלטן אטען אלץ די הערבסטיקע זונווענד חגא צום אנדענקן פון מבול. (פראזער „פאלקלאר אין אלטן טעסטאמענט" ז. 152 זעט אויך חשמונאים י״ב. א׳) און האבן פון אים געמאכט די שמחת בית השואבה אין חג הסוכות. די חשמונאים זענען געווען קעגן דער פרעמדער פייערונג און איר געוואלט מבטל זיין אבער דאס האט זיך זיי ניט איינגעגעבן, די השפעה פון די ביתוסים אויפן פאלק איז געווען אזוי שטארק אז ווען איינער פון די חשמונאים כהנים האט געגאסן דאס וואסער נעבן מזבח אנשטאט אויפן מזבח, איז ער פון פאלק פארשטיינערט געווארן מיט אתרוגים. (סוכה מ״ח) דער תיקון אפצושיידן מיט א מחיצה פרויען פון מענער בעת דער פייערונג, (סוכה נ״א) זאגט עדות, אז די ביתוסים האבן אריינגעבראכט דעם וואסערשעפ יום טוב, ווייל די ביתוסים זענען געווען די ערשטע וואס האבן אין זייערע בתי כנסת געהאט ווייבערשולן, כדי די פרויען זאלן ניט זיין צוזאמען־מיט מענער. (פילון היהודי „כתות מני קדם" ז. 29) אזוי זענען די ביתוסים בשותפות מיט א טייל פרושים געשטאנען בראש פון יידישן רעליגיעזן לעבן ביז צו דער צייט ווען הורדוס האט פארכאפט די ממשלה איבערן יידישן פאלק פון די חשמונאים.

די דורות לאנגע אסאציאציע צווישן די ביתוסים און די פרושים איז אפגעבראכן געווארן, און עס האט גענומען א סוף צו דער השפעה פון די ביתוסים אויפן יידישן רעליגיעזן לעבן אין דער צייט פון הלל הזקן. ווען הורדוס האט פארכאפט די מאכט, איז הלל הזקן געווען דער נשיא און מנחם, דער מנהיג פון די ביתוסים, אב בית דין. בעת הורדוס איז נאך געווען א יונגעל זאל מנחם האבן פאראויסגעזאגט אז ער וועט ווערן מלך איבערן יידישן פאלק. (יוסיפון־פלאוויוס „דער אלטערטום פון די יידן" בוך 15, קאפ. 10, פאר. 5) אבער ווען הורדוס איז אויפגעוואקסן און האט פארכאפט די מלוכה האבן די פרושים אים ניט געוואלט אננעמען אלץ זייער מלך, ווייל תורת משה האט באפוילן — „מקרב אחיך תשים עליך מלך": פון צווישן דיינע ברידער זאלסטו אויסוויילן איבער דיר א מלך, זאלסט ניט געבן די מלוכה צו א פרעמדן וואס איז ניט דיין ברודער, (דברים י״ז) און הורדוס האט געשטאמט פון די אדומים, וואס די חשמונאים האבן זיי געצווינגען צו ווערן יידן, איז ער גענאלאגיש געווען



א פרעמדער און ניט געקאנט זיין מלך איבערן יידישן פאלק. (בבא בתרא ג און יוסיפון־פלאוויוס „דער אלטערטום פון די יידן" בוך 13, קאפ. 9, פאר. 1) ווערט איבערגעגעבן אין די תלמודים — „יצא מנחם ונכנס שמאי": מנחם, דער חבר פון הלל הזקן, האט פארלאזט דעם בית המדרש און שמאי איז אריינגעגאנגען אויף זיין פלאץ — מנחם מיט הונדערט און זעכציק פון זיינע תלמידים זענען אויסגעגאנגען צו תרבות רעות: זיי האבן זיך אנגעטוען מיליטערישע קליידער און געהאלפן הורדוס׳ן אונטערדריקן דעם ווידערשטאנד פון די פרושים. (ירושלמי חגיגה פ״ב ה״ב, בבלי חגיגה ט״ז) דער טעראר פון הורדוס און זיינע מיטהעלפער די ביתוסים האט אנגעהאלטן א קורצע צייט, נאכן אויסהרגנען די נאציאנאלע פרושים, אין דעם בלוטיקן קולטור קאמף, האבן זיך די ריטואלע פרושים אונטערגעגעבן, אים אנערקענט אלץ זייער מלך און ער האט, כדי צו געפינען חן אין זייערע אויגן, איבערגעבויעט דעם בית המקדש. (בבא בתרא ד׳, סוכה נ״א).

אבער דער בלוטיקער קולטור קאמף האט געעפענט די אויגן פון די פרושים צו זען דעם אמתן פנים פון זייער געוועזענע שותפים, די ביתוסים. די ברכות, תפלות, סייגים, ווי אויך דער ספר איוב און דער וואסערשעפ יום טוב, וואס די ביתוסים האבן אריינגעבראכט, זענען אין משך פון זייער פירערשאפט געווארן דער עיקר פון יידישן רעליגיעזן לעבן און קיינער פון די פרושים האט ניט געוואגט אפצווארפן זיי. זיי האבן זיך נאר דערלויבט אויסצורייניקן דעם יידישן וועלט באנעם פון די פרעמדע אידעען וואס זענען פון די ביתוסים אונטערן מאנטעל פון יראת שמים געווארן אריינגעשמוגעלט אין יידישן דענקן. בעת דער פייערונג פון דעם וואסערשעפ יום טוב האבן די כהנים געזאגט: מיר פייערן ניט די שמחת בית השואבה, אזוי ווי אונזערע עלטערן, אלץ א זונווענד חג — „אונזערע עלטערן זענען געשטאנען דא אין בית המקדש מיט זייער אונטערשטן צו היכל און זייערע פנימער צום מזרח, זיך ביקענדיק צו דען זון, מיר און אונזערע אויגן זענען געווענדעט צום אלמעכטיקן", צום היכל, (סוכה פ״ה מ״ד) וואס די דעמאלטיקע היסטאריקער האבן טאקי איבערגעגעבן, אז יעדן פרימארגן ווען עס האט אנגעהויבן צו טאגן האבן די ביתוסים תפלה געטוען מיט זייערע פנימער צום מזרח און זיך געביקט צו דער אויפגייענדיקער זון. (פילון היהודי „כתות מני קדם" ז. 40, יוסיפון־פלאוויוס „די מלחמות פון די יידן" בוך 2, קאפ. 8 פאר. 5) און הלל הזקן האט בעת דער שמחת בית השואבה דערקלערט די יסודות פון יידישן וועלט באנעם.

הלל הזקן האט געזאגט — „אם אני כאן הכל כאן ואם איני כאן מי כאן": אז איך — מענטש — בין דא איז אלעס דא און אז איך — מענטש — בין ניט דא ווער איז דא? מען דארף וויסן אז דער אינסטינקט אדער געפיל פון אייגנעם באשטיין איז איינגעקער־פערט אין די זוים פון יעדן ארגאנישן וועזן. יעדער לעבענדיקער באשעפעניש באזיצט דעם געפיל און מסתמא אויך אלע פלאנצן, ווייל אויב יעדע ארגאנישע זוים וואלט ניט געהאט דעם געפיל פון זיין אייגנעם באשטיין, וואלט די פארטיילונג פון מינים פארשווינדן, אויף דער

ערד וואלט געבוירן געווארן איין מין לעבן און פון דער ערד וואלט געוואקסן איין מין געוויקס. פון דעם אבסאלוטן אמת, וואס מען קאן ניט אפווענדן ווייל ער איז אן איינגעבוירענער אינסטינקט ביי אלע ארגאנישע זוימען, האט הלל הזקן געדריינגען — „אם אני כאן הכל כאן״ : אז איך מענטש עקזיסטיר אין דער ווירקלעכקייט, איז די גאנצע חושימדיקע עקזיסטענץ א רעאליטעט, ניט אן אילוזיע. און הלל הזקן האט אויך באוויזן אז די ממשותדיקייט פון אייגנעם באשטיין מוז אפילו פון די אילוזיאניסטן אנגענומען ווערן אלץ אן אבסאלוטער אמת, ווייל „ואם איני כאן מי כאן״ : אויב איך מענטש בין ניט דא — אויב מיין אייגנער באשטיין איז אן אילוזיע, ווער איז דא, וואס האט די אילוזיע פון מיין באשטיין ? אז איך זעלבסט עקזיסטיר ניט ווי אזוי קאן איך באהויפטן אז אימיצער אנדערש עקזיסטירט : איינער וואס חלומט אז איך עקזיסטיר ? מיין באשטיין מוז דעריבער זיין א רעאליטעט כדי צו קאנען באהויפטן אז מיין באשטיין איז אן אילוזיע, האט מען, צו פארמיידן דעם אבסורד, א רעכט אנצונעמען — „אם אני כאן הכל כאן״ : אז איך מענטש בין דא אין דער ווירקלעכקייט איז די גאנצע חושימדיקע עקזיסטענץ א רעאליטעט. (סוכה נ״ג).

אבער ערשט נאכן חורבן, ווען די חכמים פון די פרושים האבן אין דער ישיבה פון יבנה גענומען אויסווארצלען פון יידישן רעליגיעזן לעבן א טייל תקנות פון די ביתוסים. (מנחות ס״ה), איז ווידער די פראגע וועגן אריינעמען דעם ספר קהלת אין תנ״ך באהאנדעלט געווארן. דאס מאל האט קיינער ניט געוואגט צו זאגן, אז אין קהלת געפינען זיך „דברים שהן נוטין לצד מינות״ : רייד מיט אפאסטאטישע טענדענצן, נאר די חכמים האבן זיך פארטיפט אין זיין אינהאלט און פארענטפערט די אויבנאויפיקע אינערליכע סתירות, גלייכצייטיק איז אויך פארענטפערט געווארן א סתירה אין ספר משלי, זענען ביידע ספרים געווארן אריינגענומען אין די כתבי קודש, (שבת ל׳) און זינט דעמאלט ציילט דער תנ״ך פיר און צוואנציק ספרים.

---

## שמואל האלקין

### „דאס גלאז״

דאס גלאז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט :
ווער עס וויינט, און ווער עס קוועלט.
נאר ווי דו האסט איין זייט פארשטעלט
מיט זילבער־פאַרב, וואס האט די ווערט
א גראָשן געלט צי עטוואָס מער, —
פארשווינדט פון אויג די גאנצע ערד,
פון ריינעם גלאז א שפיגל ווערט.
און ווי דער שפיגל זאל זיין ריין —
דו זעסט אין אים נאר זיך אליין.



## שמואל ווהייט

### „דו״

קאָנסט און מיר ניט טויטן
דעם „פראמעטעוס״־מוטה
וואו מיין הארץ ווערט
טאג־טעגליך פארצערט
און פון די פיינען גענערט.

שוין אויב דו פארלאנגסט
פון מיר נאך מערער,
טראג איך ווי אַטלאַס,
אַ וועלט באלאדן מיט לאַסט,
וואס איז אַסאַך נאך שווערער.

אויב דאס געניגט נאך ניט,
בין איך אזוי ענדלאז
ווי דער אייביק וואנדערענדער ייד,
וואס וויל קיינמאָל ניט שטארבן,
וואס ליידט און מוז לעבן,
זאג, וואס פארלאנגסטו נאך ?
און וואס קען איך, מער דיר געבן ?

## עלען ווינאָגראַד

### ווען איז אַ פריינט אַ פריינט?

(געווידמעט נעט רובין צו זיין 60סטן געבורטסטאָג)

ווען איז אַ פריינט אַ פריינט ? —
דאָס טראַכט איך אַצינד —
ווען ער איז נאָנט צו אייך,
ווי אַ מאַמע צו אַ קינד !

ווען איז פריינט אַ פריינט,
קאָנט איר ענטפערן מיר ?
ווען איר קענט אים פאַרטרויען
און גלויבן אַן שי׳ר !

ווען איז אַ פריינט אַ פריינט?
טראַכט איך איצט און קלער —
ווען ער מאַכט לייכט אייערע געדאַנקען
אויב דאָס לעבן ווערט שווער !

ווען איז אַ פריינט אַ פריינט ?
דער ענטפער איז קלאָר :
ווען ער בלייבט אייך אייביק יונג
ביז די גרויע האָר !

## יהודה ביעטש

# דאס בראשקעלע

פארוואס מען האט קאני מילער גערופן „דאס דאמעלע מיטן בראשקעלע" איז פאר אסך מענטשן געווען א חידוש. אינדעראמתן האט קיינער נישט געקענט אנווייזן אויף עפעס ספעציפישעס און זאגן, אז זי איז א יוצא מין הכלל— איינע פון טויזנט, מיידן איר ראמאנטיש בליקעלע, וואס האט זי געמאכט פראמינענט צווישן יונגעלייט, וועלכע האבן ווי בינען געווימלט ארום איר. און אפשר טאקע איז עס געווען דערפאר וואס זי איז געווען אן אומרואיק, קאפריזנע מיידל, הויך־געוויקסיק, מיט גרויסע, מעלאנכאלישע אויגן, וועלכע האבן געשאפן דעם איינדרוק ווי א מין פחד וואלט געלעגן הינטער אירע ברעמען. די שווארצע, גלאנצנדיקע האר אירע זענען געווען ארומגענומען ביי די שלייפן און פארקעמט אין א „שניאן", א קנופ אזא, וואס האט זיך געלייגט אויף איר ווייסן, תאווה־וועקנדיקן נאקן.

דער הויפט־שטריך פון דער מיסטעריע אירער איז מייפטנס באשטאנען אינם שיינעם קליידן זיך, אין פארברענגען לאנגע וואכן אויף זומער־וואוינונג און, ועל כולם, אין דער שטארקער נטיה צו כלערליי צירונג; גרעסטנטיילס בראשקעלעך. אויך איר לייכט־וויגנדיקער גאנג, וואס האט איר געגעבן א באזונדערן חן — אלץ, אלץ האט גורם געווען צום קרוינען זי מיטן דאזיקן נאמען...

הגם אויף איר לענגלעך פנים האט תמיד גערוט א ליבלעך שמייכעלע, מאכנדיק דעם איינדרוק פון א צופרידן־פארבענקטער טרוימערין פון ערגעץ א פאנטאסטיש־לעגענדארישער וועלט — א וועלט, וואו אלע פיינען פון לאנגע יארן פאלן אראפ... — האט זי אבער געהאט א טבע, אן אייגנשאפט אזא, פון צייט צו צייט ארייִנצופאלן אין א יאושדיקערשטימונג און פארזינקען אין אומבאשטימטע, לאנג־ציִענדיקע געדאנקען, שפרייזנדיק פון ווינקל צו ווינקל־ איבער דער שטוב א האלב־אנגעטוענע, עסנדיק זיך א לעבעדיקע. מלבד זה, פלעגט זי זיך פארטיפן אין רעיונות צו געפינען א לייזונג צו די חידות פון ליבע און אייפערזוכט. קאמפליצירטע סודות אזעלכע פון דער מענטשלעכער נשמה האבן אין איר דמיון ארומגעוואנדלט, ווי גלגולים...

א מיטל צו פארטרייבן אט די טריבע מחשבות איז געווען איינמאל אין חודש, אין די ווינטער־אוונטן, צו האבן א פרווייִלונג ביי זיך אין דער היים. מען פלעגט טאנצן, שפילן אין קארטן, רעדן און בארעדן אלץ און אלעמען. איבערהויפט האט זי זיך געוואלט צעשלאגן די מאדנע מחשבות, וואס פלעגן זי אזוי אפט באפאלן, בעיקר זינט דעם פלוצימדיקן טויט פון איר פאטער, בעריש מילער, דעם רייכן קליידער־פאבריקאנט. וועגן איר מוטער האט זי ווייניק וואס געוואוסט, מחמת זי איז געשטארבן ווען קאני איז נאך געווען א קליין קינד. און איצט איז זי איינע אליין. אמת, געבליבן א רייכע יורשטע, אבער פארט איינע אליין.



— אגב, איז אזא מין פארברענגען אין אן אטמאספערע פון פרייִלעכקייט נישט קיין פארשכורונג פון די געפילן, — פלעגט זי זאגן. — קיין ערנסטע זאכן קומען דערפון נישט ארויס, אבער א צייטפארטרייב איז עס א גוטער.

די שטוב איז אין יענע אוונטן געווען פול מיט געפלאפל און טומל. די פרויען האבן גערעדט גיך, מיט אפעטיט, איבערשלאגנדיק איינע דער אנדערער, ס'איז געווען א יאנעניש פון ווערטער, אן איילעניש, ווער וועט מאכן א שטארקערן איינדרוק. ווערטער ווי א בינען־געזשום האבן זיך געטראגן איבער דער שטוב.

נישט געקוקט וואס דאס דאמעלע האט אויף די אוונטן אויסגעזעען פרייִלעך, פלעגט זי אבער, ווי תמיד, אריינפאלן אין א מין געשפאנטקייט, ווי פון עפעס א שרעק, וואס זי האט זיך באמיט צו באהאלטן. א דאנק דער פארפירערישער מאסקע פון שימער, גלאנץ און מוזיק פלעגט עס איר געלינגען זיך צו באהערשן און כלמרשט פילן ווי א פרייער פויגל, וועלכער גיט זיך א טונק אינם ים ביז דער ברוסט, הייבט זיך גלייך אויף מיט א געשריי אין דער לופטן און פליט ערגעץ ארויף צום ברייטן, בלויען הימל.

איינמאל נאך אזא טומלדיקן אוונט איז זי, ווי תמיד, אריינגעפאלן אין אירע מאדנע שטימונגען און אויף לאנגע טעג קיינעם נישט געוואלט זעען. א האלב־אנגעטוענע געשפרייזט איבער דער שטוב, גריבלענדיק זיך אין אירע מחשבות. ווען העלען פרימאן, איר לאנג־יאריקע פריינדין, איז געקומען זעען וואס זי מאכט און זי געפונען אין דעם צושטאנד פון טיפער איינזאמקייט און מרה־שחורה, איז זי שטארק גערירט געווארן פון דער שווער געדריקטער שטימונג. ביידע מיידלעך האבן זיך ארומגענומען, ווי פון עפעס אן אומגעריכטן געפיל, און ביטער צעוויינט, אליין נישט וויסנדיק פארוואס.

— דאס גאנצע ערדישע גליק, האט קאני ווי צו זיך געזאגט, איז נישט מער ווי א גלאנץ פון א גאלד־פליטערל, וואס שוועבט שנעל פארביי. דערנאך איז אלץ נישטיק און פוסט...

— ווייסט, קאני, מיר איז איינגעפאלן, האט העלען זי געזוכט צו בארויקן, אז די בעסטע זאך פאר דיר וואלט געווען חתונה צו האבן. ס'איז אלעמאל גוט צו האבן אן אייגענעם מענטשן געבן זיך.

אבער דאס דאמעלע האט מיט א מאך פון איר הענטל אפגעווארפן דעם געדאנק.

דאך ווען פאול רימער, א מאן אין די מיטעלע יארן, אירס א פארערער און א שטענדיקער באזוכער פון די אוונטן, האט בעת א שפאציר מיט איר, כלומרשט כדי אפצוכאפן דעם אטעם פון דער איבערגעהיצטער אטמאספערע פון טומל, טאנץ, מוזיק און גערעדעריי, פלוצלונג אנגעכאפט איר הענטל און זיך איר דערקלערט אין ליבע, פארזיכערנדיק איר א גליקלעכע צוקונפט, האט זי א ציטער געטון, זיך ארומגעקוקט און ביי זיך געטראכט.

— אפשר איז העלען טאקע גערעכט, אז אין מאמענטן פון געשפאנטקייט איז בעסער צו האבן א נאנטן מענטש נעבן זיך?

א פאררויטלטע פון פלוצימדיקער איבערלעבונג איז זי צוריק אריין אין שטוב.

קיצור הדבר, ס׳האט לאנג נישט גענומען און זיי האבן חתונה געהאט. לכתחילה האט אלץ אויסגעזעען אין דער בעסטער פארם פון איר פארלאנג. זי האט אויפגעגעבן די טומלדיקע אוונטן און אנדערע לוקסוס־זאכן, אבער די געטין פון דער פאנטאזיע האט, אין איר אויפברויזנדיקן כאראקטער, גענומען פאנאנדערוויקלען די בילדער פון יענע פארוויילונגען פול מיט גלאנץ, געלעכטער און פרייד. דאס דאמעלע האט פלוצים זיך געכאפט, אז אלץ וואס איז געשען איז געווען א ביטערער טעות. דערשלאגן פון דעם דאזיקן געדאנק, פלעגט זי בלייבן זיצן אן אומעטיקע אונטער דער ווידקונג פון א קנויל פון שווערע מחשבות און שפעקולירן וועגן איר גורל...

הגם ס׳איז שוין אריבער איניקע יאר און קיין קינדער האבן זיי נישט געהאט, האט פאול זיך כסדר געטרייסט, אז זי איז נאך יונג, נישט ווילנדיק אויפגעבן די האפנונג צו האבן א יורש. אבער בעת די שמועסן, ווי געוויינטלעך, צווישן מאן און ווייב איז עס שוין אריבער־געגאנגען, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, אין אן אנצוהערעניש, אז די צייט לויפט און ס׳איז שווער צו פארברענגען גלאט אזוי דאס איבעריקע לעבן...

זי האט אויף אים א מאדענעם קוק געטון, ווי אויסדריקנדיק צער, ווייפאק און א מין שפאט. מיט א פאכע פון איר האנט, מיט די שפיציקע, רויט־געפארבטע פינגער־געגל, איס קלאר געגעבן צו פארשטיין, אז קיין קינדער וויל זי נישט האבן!

קאני, אדער „דאס דאמעלע מיטן בראשקעלע״, ווי מען האט זי גערופן, האט זיך פון אלעם צוריקגעצויגן, שפרייזנדיק איבער דער שטוב אן א ברעקל האפנונג און מורמלענדיק, אז א לעבן ווי אירס ווערט קיינמאל נישט צוריק גאנץ; און ווי תמיד באגאסן זיך מיט טרערן, ארויפווארפנדיק די גאנצע שולד פון איר אפהענטיקייט אויף פאול, איר מאן.

— נו, פלעגט זי צו זיך זאגן, וואס האב איך געטון מיט מיינע בעסטע יארן? לעב איך צי נישט?

און וואס מער די פינסטערע מחשבות פון איר נישט געלונגענער חתונה האבן זיך פארזייט אין איר נשמה, אלץ מער האט זי געבענקט נאך יענער פריילעכער צייט. אבער ווי נאר די ערשטע פרילינגס־שטראלן האבן זיך א גאס געטון פון די בלויע הייכן, איז דאס דאמעלע ווי ניי־באלעבט געווארן און באלד נאך די לעצטע טעג פונם חודש מאי פיבערהאפט גענומען גרייטן זיך אויף איר רייזע קיין איטאליען אויף אייניקע וואכן זומער־וואוינונג.

פון גרויס פרייד, וואס זי פארט אוועק פון אלץ און אלעמען, האט זיך איר געדאכט, אז דער פרילינג פוצט זיך אויס, באצירט זיך מיט פארשידנפארביקע בלומען אלץ צוליב איר; אלץ צוליב דעם וואס זי פארט אויף זומער־וואוינונג.

דארף זיך מאכן, אז אינם האטעל, וואו דאס דאמעלע איז איינגעשטאנען,



איז אויך געווען א יונגערמאן פון לאנדאן, א הויך־קרעפטיקער בחור, פול מיט לעבנטלוסט. בערנארד האט מען אים גערופן. דערזעענדיק דאס דאמעלע צום נאכטעסן, „דינער״ הייסט עס, אין איר זייד׳ן קלייד, מיט דעם טיפן אויסשניט, וואס האט אפגעדעקט א שטיק פון איר ראזעווען, פליישיקן רוקן, האט בערנארד, מיט זיין חוש פון א לעב־יונג, באלד דערשמעקט וועלכע פון די פרויען ס׳פארמאגט די נויטיקע דאזע לייכטזין. עטלעכע מאל איז ער דורכגעגאנגען איבערן זאאל און זיך אפגעשטעלט געבן דאמעלע...

די פלוצימדיקע באגעגענונג פון זייערע בליקן, וואס האט אנגעהאלטן א צוויי־דריי סעקונדעס, האבן זי ווי דורכגעשפיזט. נאך קיינמאל האט זי נישט געזעען אזויפיל מעגלעכעס, אזא קראפט. זי איז אין דער רגע באהערשט געווארן פון עפעס א פארלאנג, וואס רופט צונויף א גאנצע מחנה גייע זעענישן און א ניי, כישופדיק לעבן האט פאר איר א בליץ־אויף געטון. זי האט, ווי תמיד אין אזוינע פאלן, אויף זיך ארויפגעצויגן איר אויסגעפרואווט, שעלמיש שמייכעלע. אים געפרעגט,

— וואס איז? — און בשעת מעשה קאקעטיש געגלעט אירע שיינע געקארבירטע האר.

— וואס איז?... גארנישט... איך... האב אייך געוואלט פרעגן צי איר וואלט געווען א בעלנטע אויף א שפאציר. די נאכט איז אזוי לויטער, און דער דרויסן רופט...

זי האט אים העפלעך דערלאנגט איר קליין, פוכיק הענטל מיט די שפיציקע, רויט־געפארבטע פינגער־נעגל, אנטשולדיקט זיך, אז זי פילט זיך היינט אין אוונט זער מיד.

— נו, טרעפן מיר זיך מארגן פרי ביים ים?

— אפגעמאכט.

— אפגעמאכט!

א גאנצע נאכט איז דאס דאמעלע געלעגן מיט פארמאכטע אויגן, און אין איר קאפ האבן זיך געטראגן אומקלארע בילדער וועגן דעם „אפוינטמענט״, וואס זיי האבן געמאכט. און טרעפנדיק זיך ביים ים אין דער ווארימער אטמאספערע פונם זוניקן פרימארגן, איז זייער באקאנטשאפט גלייך געווארן א פייערדיקע. זיי האבן זיך באלד גענומען פילן נאנט און היימלעך. ער האט איצט געטראגן נאר איין געפיל אין הארצן, א געפיל פון צופרידנקייט און נצחון. זיצנדיק האלב־נאקעטע ביים ברעג פונם ים, האט ער מיט זיין בריענדיק שמייכעלע זי א פרעג געטון ווי אלט זי איז. ס׳דאמעלע האט ביי דער מאדנער פאגע זיך צעלאכט.

— זעו קיין אלטע בין איך נאך נישט... און אז ס׳בין שוין אריבער די פינף און צוואנציק, איז וואס?

— אויב אזוי, וואלט איר אפשר זיך געוואלט באדן? — אנווייזנדיק איר ווי נאקעטע מענטשלעכע קערפערס חויד׳ן זיך און שפרינגען ארום אינם בלישטשענדיקן וואסער. — איך קען אייך לערנען שווימען.

א ציניש מינעלע האט זיך באוויזן אויף איר לענגלעך פּנים, און מיט איר שעלמיש בליקעלע אים געגעבן צו פארשטיין, אז זי פארשטייט וואס זיין באגער איז... צוטוליענדיק זיך צו אים, האט זי אים געזאגט, אז זי איז שטארק צופרידן וואס ער וויל זי לערנען שווימען. אבער ס׳קען זיין „אלרייט” אפילו אויף דער טריקעניש...

די טעג האבן זיי פארברענגט ביים ים, און אין די אוונטן געגאנגען טאנצן, זעען טעאטער און „סינעמאס” אדער פּשוט ארויסגעפארן אין זיין אויטאמאביל אויסער דעם שטעטל. א גאנצן שטראם פון פריש לעבן פלעגט זי דערפילן אין די דאזיקע מאמענטן. איינמאל אין אזא אוונט, נעמענדיק זי אויף אן ארויספאר, האט ער עפּעס פון זיין קעשענע ארויסגענומען און אויף א מיסטעריעזן אופן עס איר דערלאנגט.

די נאכט איז געווען אן אויסגעשטערנטע, די לבנה האט מיט א הערלעכן שיין שפּאצירט איבערן הימל. ס׳דאמעלע האט א לייכטן ציטער געטון בשעת זי האט אין איר האנט דערפילט א קליין קעסטעלע אזא פון צירונג... דערזעענדיק דעראין א בראשקעלע אין דער פארם פון א קליינטשיק זונעלע, אויסגעזעצט מיט דימענטלעך און אין דער סאמער מיט — א רובין, וואס האט אין שיין פון לבנה־ליכט געמיניעט מיט אלע קאלירן פונם רעגנבויגן.

בערנארד האט פלוצים דערפילט צוויי שלאנקע, האלב־נאקעטע ארעמס אריבערגעווארפן איבער זיינע אקסלען און איר הייסן אטעם אויף זיינע צעפלאמטע באקן. ער האט זי ליידנשאפטלעך ארומגענומען, באדעקנדיק איר פּנים מיט הייסע קושן. דאס דאמעלע האט אים כלוטרשט אפּגעשטופּט, דערמאנענדיק אים, אז זי איז דאך אן אשת־איש. ער האט זי שטארק געדריקט צו זיך שעפּטשענדיק אין האלב־אפּגעהאקטע ווערטער, אז גאט איז א גוטער, ער וועט מוחל זיין...

די פריילעכע, אמוזירנדיקע נעכט האבן זיך פאר דעם דאמעלע געענדיקט מיט אן אינדערפרי, ווען פּאול, איר מאן, איז געקומען זי נעמען אהיים. דער טאג איז געווען א מיאוסער, ס׳האט געטריפט אן אומהיימלעך־דראבנע רעגנדל. ס׳האט זיך פאר אירע אויגן געשטעלט דאס אומעטיקע בילד פון איר צוקונפט צו זיין דאס ווייב פון א מאן, וועלכן זי האט נישט ליב... כדי צו פארטרייבן די מרה־שחורה פון דעם דאזיקן פארכמורעטן טאג, האט זי גענומען זיך גראבן אינם אש פון אירע חלומות, זוכנדיק א פונק, וואס זאל זיך לאזן פאנאנדערבלאזן און דערווארעמען איר הארץ. זי האט באשלאסן אונטער אלע אומשטענדן צו באנייען די ווינטער־אוונטן, להכעיס איר מאן, וועלכער האט פיינט דעם גאנצן מומל און פילט זיך ווי א פרעמדער, אן איבעריקער צווישן דער פרייער, צעבאלעוועטער חברה „בעסערע מענטשן”, ווי דאס דאמעלע האט זיי גערופן.

לכן, באלד ווי מען האט אינס חודש אקטאבער דעם זיינער צוריקגערוקט אויף א גאנצער שעה, האט דער גורל געוואלט, אז פונקט אין דעם דאזיקן חודש זאל אויספאלן איר געבורטסטאג. און ווי אלעמאל האט זי האיאר געפּראוועט איר געבורטסטאג, אייגנעלאדן אירע פריינדינס און אסך פון אירע



אמאליקע פארערערס. בערנארדן, מיט וועמען זי פלעגט לויט אן אפּגעמאכטן פּלאן איז געהיים זיך אפּט טרעפן, האט זי מיט א כיון נישט איינגעלאדן.

צווישן די פארבעטענע געסט זענען אויך געווען פּאולס נייע פריינט: דער גוט־באוואוסטער יואוועלירער מר. דראבקין מיט זיין פרוי. בעתן גראטולירן דאס דאמעלע און ווינטשן איר א גליקלעך צוזאמענלעבן מיט איר מאן, האט ער זיך שטארק פארקוקט אויף דעם בראשקעלע, וואס זי האט געטראגן צוגעשפּיליעט צו איר זיידן קלייד. מיט גרויס התפעלות האט ער זיך געווענדט צום דאמעלע.

— איי, איי, וואס פאר א ווערטפולן, טייערן אנטיק איר האט!

א קרום שמייכעלע האט זיך באוויזן אויף איר פּנים, א שמייכעלע, וואס איז אימשטאנד יענעם אריינצופירן אין א פארלעגנהייט. זי האט זיך געווענדט צו מרס. דראבקין.

— זאגט מיר, איז אייער מאן תמיד אזא, וועלכער האט ליב צו מאכן פרויען קאמפּלימענטן? פאר דעם אגטיקעלע האט איך אינגאנצן באצאלט בלויז עטלעכע פונט. — די פארבן האבן בשעת מעשה ביי איר זיך געביטן, די צונג האט זיך ביי איר געדרייט, ווי ביי א שיכורטע. בלויז איין בליק פון אירע מעלאנכאלישע אויגן און די שרעק, וואס האט זיך געליינט הינטער אירע ברעסען, האבן קלאר געמאכט אין וועלכער סיטואציע זי געפינט זיך.

מר. דראבקין האט א שטארקן זיפץ געטון און צוליב שלום־בית נאך א מאל באטראכט דאס בראשקעלע. ער האט זיך ארומגעקוקט, זיך געווענדט צום עולם איראניש.

— זעט נאר, זעט, ווי זאגט מען? דער גרעסטער חכם קען זאגן א נארישקייט... אבער צו האבן אזא טעות! — נעמענדיק איר ציטערנדיקע האנט אין זיינער, — וויפל האט איר באצאלט פאר דעם בראשקעלע? הא, עטלעכע פונט, הא? קוים, קוים די ווערט! אווא, אזא טעות, אזא טעות!

ער האט ס׳דאמעלע מיט זיין גענייט, שארף אויג באטראכט, ווי איינער זאגט: „איך בין זיך משער די סבה פון דער זאך”... ס׳האט אים אבער פאר זיין שוואכקייט שטארק פארדראסן, ער דער באוואוסטער אנטיקן־סוחר, דער ערלעכער געשעפטסמאן, איז מחמת א קאפּריז פון א לייכטזיניקער פרוי געצוואונגען צו שפּילן אזא נארישע ראלע. ער האט ביי זיך געטראכט:

— וואס פאר מאדנע שפּאסן ס׳טרעפן זיך אין לעבן...

פאר פּאולן איז דער גאנצער נעשפּערעך פון מר. דראבקין מיט זיין ווייב געווען פיינלעך. ער האט זיך געפילט באליידיקט, באעוולט. אבער אז מען ליבט, קען מען דען לאנג געדענקען אן עוולה? האט ער ביי זיך. געטראכט, אליין דערשרעקנדיק זיך פון דאזיקן געדאנק. ער האט זי דאך אזוי ליב! אבער ער איז געפאנגען געווארן פון א חשד, וואסהאט, פארעקשנט, זיך באזעצט אין זיין נשמה און אפּט אנגענומען דעם כאראקטער פון א שגעון. אויף זיינע פראגן וועגן דעם קויף פונם בראשקעלע, פלעגן תמיד פארקומען ווילדע מצענעס, וועלכע זענען איבערגעגאנגען אין אן ארט קראנקהאפטער אייפערזוכט, מיט

כלערליי זידלווערטער. מיט איין ווארט, זי האט אים איינפאך אויסגעלאכט...

מחמת דעם חשד פון זיין אפגענארט, איז פאול אראפ פון דער מראה, געווארן אפגעלאזן, אוועק פון דער היים און זיך ארומגעוואלגערט. אז זיינע פריינט האבן אים אמאל ערגעץ באגעגנט און אים געראטן צו פארגעסן דעם אינצידענט מיטן בראשקעלע און גיין צוריק אהיים, האט ער א טיפן קרעכץ געטון, ווי ס'וואלט זיך ביי אים געעפנט אן אלטע וואונד, פון וועלכער ר'וויל זיך באפרייען.

א רויטקייט האט באגאסן זיין גאנץ פנים, גלייך ווי דאס גאנצע בלוט, וואס האט זיך אנגעזאמלט אין זיין הארץ, וואלט זיך א גאס געטון צום קאפ. פאול האט אויפגעהויבן זיינע פארצווייפלטע אויגן, און צוויי היסע טרערן האבן זיך אראפגעקייקלט איבער זיין פנים.

און אלץ צוליב א בראשקעלע...

## א. נ. שטענצל

### אויף ווייטשעפל גאס

כ'דריי מיך אַרום דאָ אין ליידיקער גאַס,
אָ בעדנער אין אַ פּאַס אַ צעלעכצטן,
ער קלאַפּט די רייפן, פּאַסט די קלעפּקעס צו,
אַרום אַ דנאָ אַ פוילן צעקרעכצטן.

אפנים קיין אַנדערע ברירה מער:
„אַלטן ווייַן אין נייע פעסער גיסן",
און וואָס צעקראָכן און פאַרזשאַווערט איז,
צום הויפן בראָכוואַרג אַוועקגעשמיסן.

עס איז לייכטער געזאָגט ווי שווער געטון!
אַז דאָס מינדסטע ניטל אזוי אייגן,
און איבערן שפּונד, ווייַן־אָנגעזאַפּטן,
שכורלעך כ'וואָלט מיך וואַקלען און בייגן.

נייג איך מיך אַהין און כ'בייג מיך אַהער,
און נעם אין דער פּאַטליצע מיך קראַצן:
אַך, אַזאַ עס פעלט אַ קלעפּקע אינם קאָפּ,
ווי אַ זשאַווער־רייפן ס'האַרץ קאָן פּלאַצן.

### א הארבסט ליד

...דאָס זעלביקע וויאַנען אין ווינד און אין רעגן,
און אין האַרץ — די שאַרכנדיקע שרעק שוין ווידער;
טאָ פאַרוואָס נישט ווי אין אַלע יאָר אויך אַצינד,
די זעלביקע טרער־באַפּייכטע סמוטנע לידער.



ס'פאַלט אַ האַרץ אַראָפּ, ווי אַ בלעטל אין בלאָטע,
און איז עס דען נישט ווען מען טוט דערויף טרעטן?
כ'האָב אין פרילינג הלל מיטביימער געזינגען,
הושע־נא־געוויין, וויאַנענדיק, איצט כ'וועל בעטן.

בלויז טוט אַ גאָט אין הימל, אַ מענטש אויף דער ערד,
אַ האַרץ־שאַרך כאָטש ווי אַ פאַרוועלקט בלאַט דערהערן?
ווי ווינד אין רעגן־טאָג, ווי וויסט וויאַנע־געוויין,
וויגט זיך אַ ווייטאָג — ווונד נישט געשטיל צו ווערן.

גליט זון פרילינג, בליט בלאַט זי קיל צו באַפאָכען,
פאַלט האַרבסט, שאַרכנדיק אראָפּ — די ערד צו טרייסטן;
צעריבן האַרץ, ווערט בלאַט צעשריבן מיט לידער,
ווען צום גרעסטן די פרייד, און ווען ס'ליידט אַממייסטן.

### ד א ל י ע ן

ווי שווער די דאַליען בייגן די קעפּ,
זיי זיינען די לעצטע פון די בלומען,
זיי ווייסן שוין, ווי די אַנדערע
פאַרוויאַנען זיי וועלן און פאַרקומען.

שטאָלץ אויסגעשפּיגן לעצטן בלוט־טראָפּ
עס האָבן די רויזן, און די נעלקן,
ווי שלאַנק זיי זיינען געשטאַנשטאַנען,
ביז לעצטע רגע פונם פאַרוועלקן.

בלויע קאָרן־בלום און רויטער מאָן
צוזאַם מיט די זאַנגען פאַרשניטן,
הימל און זון געטראָגן פאָר זיי
און פאַלן מיט זיי נישט אויסגעמיטן.

די דאַליען בייגן סמוטנע די קעפּ,
אונטער די מאַסע פון זאַטע פאַרבן:
אין זייער פעט־און שווער־לייביקייט,
טראָגן זיי שוין דעם זוימען פון שטאַרבן.

### גאטס וועלדל

פון די וועלדער וואָס גאָט אויסגעזייט האָט אויף דער ערד,
איז אים אַ גאָרשט זוימען אין האַנט איבערגעבליבן,
געטון עס אַ שאָט אַזש ביז פעלז־שפּעלטל דאָ אַהער,
לעצטן רעשט נישט אויסגעסאָרטירט, נישט איבערגעקליבן.

דעמבעס און ליפּעס, בריאָזקעס און יאָלקעס און עשעס,
וואָרצלען און צווייגן וואַקסן פאַרוויקלט איינס אין צווייטן;
קלאָטשע־פאַרפּלאָנטערט, בערדיק־פאַרפּלאָכטן, פאַרקאָלטנט,
מיט אַ וויסט ווילדן אָדלער־נעסט כאָטשע צו פאַרבייטן.

און ווערט גאָט מרה־שחוריק, ביטער־פאַרצווייפלט,
וואָס געטון באַשאַפן ער האָט דאָס שיינינקע וועלטל,
לאָזט ער זיך אַראָפּ אין וועלדל־תוהו ובוהו,
געוואַלטיק וונדערלעך אויסגעוואַקסן אין פּעלז־שפּעלטל.

## צוויי סאָנעטן

1

עס יאָגן די וועלן צום ברעג אָן אויפהער,
ווייסן זיי פאַרוואָס זיי קומען און גייען?
און איבער זיי פון די מעוועס דאָס שרייען — —
דעם פאַרוואָס און דעם צו וואָס, צי ווייסט דען ווער?

ס׳רייסט זיך צו מיין אויגן איינגעהאַלטענע טרער:
כסדר דאָס שניידן און ווידער פאַרזייען
און וויפיל לעבנס עס זאָל נישט פאַרדייען
דער בויך פון דער ערד ער וויל אַלץ מער און מער.

אַן אַסטער פאַרשפּינט אין אַ סוף־זומער־פאָדים,
בייגט זיך ביים ברעג פון לעבן סמוטנער בן־אדם:
אַז וואָס ס׳זאָל נישט זיין צי גאָט צי די טבע

צו וואָספאַר אַ ציל און נאָך וואָס פאַר אַ צוועק?
און ס׳יאָגן מחשבות ווי וועלן צום ברעג
און דאָס געשריי אין מיר ווי פון אַ מעווע.

2

געדאַנק און געשריי, אָבער ווען שטיל אין מיר,
אָן ענטפער און געפרעג און אָן שום געדאַנק,
זינגט אַזאַ פאַרשוויגן מלאכים־געזאַנג,
זייער פליגל־געפלאַטער מיין יעדער ריר —

גאָט אליין כביכול אין מיר איך שפּיר!
פאַרזייטער זוימען, צי געשניטענער זאַנג,
און מיין געצייטיקט לעבן צי קורץ צי לאַנג —
צו אומענדלעכקייט איז פאַראַן דען אַ שיעור?

ווי רואיק מיטאַמאָל די וועלן אין ים — —
גאָט דערשפּירט אַצינד זיי האָבן מסתם!
ווי לאַשטשענדיק, ווי שטיל געוואָרן זיי זענען.



צום געשריי פון די מעוועס כ׳הער זיך שטיל צו:
אַ מחנה מלאכים פליען אַהין־ווו — —
וואָלט איך מיט זיי בלויז מיט־פלאַטערן קענען?

## ציענדיקע קאַשמאַרן (באַלאַדע)

1

ס׳איז נישט דער טומאַן, וואָס הייבט זיך פון וואַסער אויף,
באַהענגענדיק ווי מיט פיש־נעצן די בריקן,
עס איז גיכער און אַ סך מער גאָר דער נעפל,
וואָס פאַרציט מיט גרוילעכן הויך מיינע בליקן.

אַרום די פליענדיקע שפּין־געוועב פעדים —
פאַרצערעוועטע־נעצן־געפיקטע־„אויגן“!
ווי די צערעוועטע ווילדע מעוון מחנות,
הייזעריק־רציחיש, זיינען אויפגעפלויגן!

און אויף באַנק דאָ, שפּין־פאַרפּלאָנטערט־לייב־און־לעבן,
אַז ווער האָט עס נויטיק און קאָנ׳ס נאָך באַדאַרפן?
אַ מין צעשאָטענער צעפוילט־צעריסענער נעץ,
איבער אַ בריק ווו דאָ אַריבערצווואַרפן.

עס איז נישט נאָר דער נעפל איבער דער טעמזע,
און דער גרויער שלייער שווער אויף מיינע בליקן,
אַ סך גיכער די שטיל־ציענדיקע שיפן,
וואָס פאַרשווינדן אַזוי גיך אונטער די בריקן.

2

טרויריק, מרה־שחוריק, שלעפן זיי זיך פינסטער,
ביז זיי ווערן אין ווייטן גרוי ווו פאַרלוירן,
און געוואַלטיק אַזעלכע, שווערע העלפאַנטן,
אויף אַנדערער זייט, דאָס פערטייעטע הוירן.

פלוצלינג לאָזן זיי אַרויס די לאַנגע נעזער,
שנויצן־וואַסער צו שעפּן מיט אַזאַ שנאָרכן,
כ׳צאַפּל אויף דערשראָקן, מיט נאַכט אָנגעגאָסן,
און מיין פינסטערער שריט פאַרלוירן נעמט שאָרכן.

טויטע טאַוער־ריטער פערזשאַווערט געפאַנצערט,
קלינגען אויף אין ווינד די פערוויאַנעטע ביימער,
הינטער מיר כ׳הער הירזשנדיקע פערד שוין סאָפּן — —
אַ געיאָגטער כ׳ווער פון אַ שרעק, אַ געהיימער!

שוין שפּיר איך די שפּיזן, די קאַלטע שטייפע פינגער,
אין אַ גרוב דא ווו זיי ווילן מיך פאַרשלעפּן;

דער גרויל וואָס גיסט שאַרף־שפּיציק איבער מיין רוקן,
פון בלאַנק אויפגעהויבענער האַק מיך צו קעפּן —

3

טיף אין מיין נאַקן איך פיל אים שוין — דעם יעשיען!
בלוטיקט נישט אויס אַ שטאַם מיט בלעטער וואָס וויאַנען?
דאָס שאַרכן אין מיין האַרץ כ׳הער נישט אויף צו האָרכן,
אַ פאַרוויאַנעט בלאַט, ווען שריט איבער אים שפּאַנען.

ווי חשוון־וואָלקן וואָס וואָגלט שווער אויף הימל,
שוועבט עפּעס אַזאַ שווער׳ס איבער מיינע אויגן;
כ׳וועל דיך מער נישט געפינען, האַרץ מיין פאַרלוירנס,
וויפיל מיין קאָפּ זוכנדיק נישט אַראָפּבויגן —

צווישן די האַלב־נאַקעטע ביימער אין נעפּל,
מיין קאָפּ פליכיק און גרוילעך שיפער און טיפער;
עפּעס אַ מין עפּל־געריטל גייט פון זיי,
אין מיר, ווערעמדיקט — פון אַלט־ווערן אַ ציפער —
— — — — — — — — — — — — — — — —

נישט די ווינדן וואָס הייבט זיך פון וואַסער אויף,
נישט ס׳פאַרשווינדן פון שיפן אונטער די בריקן;
נישט דער חשוון־טאָג — דער חשבון פון מיינע טעג!
ס׳ציט זיך שווארצער־שטריך שוין אונטער מיינע בליקן.

## סאמערסעט מאהם

## דער גליקלעכער מענטש

עס איז א סכנותדיקע זאך צו באפעלן אנדערע וויאזוי צו לעבן און איך האב אפט באוואונדערט די זעלבסט־זיכערקייט ביי פאליטיקער, רעפארמאטארן און זייערס גלייכן, וואס זענען גרייט ארויפצוצווינגען אויף זייערע מיטמענטשן אזעלכע מאסמיטלען, וועלכע מוזן ענדערן זייערע מאנירן, געוואוינהייטן און שטאנדפונקטן. איך אליין האב מיך תמיד געווייגערט צו געבן עצות, ווייל ווי־אזוי קאן איינער געבן אן אנדערן אן עצה וויאזוי צו האנדלען, אחוץ אז ער קען יענעם געגוי אזוי ווי זיך אליין? גאט איז מיין עדות, איך קען מיך אליין צו ווייניק, א פשיטא שוין אנדערע. מיר קאנען זיך בלויז משער זיין די מחשבות און געפילן פון אונזערע שכנים. יעדער איינער פון אונז איז אן ארעסטאנט אין א תפיסה פאר זיך אליין און פארשטענדיקט זיך מיט די אנדערע ארעסטאנטן, וואס געשטאלטיקן די מענטשהייט, דורך אפגעמאכטע רמזים, וועלכע האבן נישט פונקט די זעלביקע באטייטונג פאר זיי ווי פאר אים אליין. דאס לעבן, צום באדויערן, איז נישט א זאך, וואס איר קאנט צוריקבאקומען אויפסניי; פעלערן אפטמאל קאן מען נישט מער אויסבעסערן, און ווער בין איך



דאס צו זאגן דעם אדער יענעם וויאזוי ער זאל לעבן? דאס לעבן גופא איז א שווער געשעפט און ווייס אליין ווי שווער מיר איז אנגעקומען מצליח צו זיין; איך בין דעריבער קיינמאל נישט געשטאנען פארן נסיון צו לערנען מיט מיין שכן וואס ער האט צו טון מיט זיינס. עס זענען אבער פאראן מענטשן אומבא־האלפענע ביים סאמע אנהויב פון דער נסיעה, דער וועג פארויס איז זיי אומ־קלאר און געפערלעך, און טיילמאל, הגם ווייגערנדיק זיך, האב איך ממש געמוזט ווי מיט א טייטל פון פינגער זיי ווייזן וואס דער גורל קאן משפיע זיין. טיילמאל האבן מענטשן מיך געפרעגט וואס זיי זאלן טון מיט זייער לעבן, און אין אזא מאמענט פלעג איך מיך זעען ווי איינגעהילט אין דעם טונקעלען מאנטל פון דער געטין פון גורל.

דאך ווייס איך, אז איינמאל האב איך איינעם יאָ געגעבן א ריכטיקע עצה.

איך בין דעמאלט געווען נאך א יונגערמאן און געוואוינט אויף א באשיי־דענער וואוינונג אין לאנדאן נישט ווייט פון וויקטאריא־סטיישאן. שפעט א געוויסן נאכמיטאג, ווען כ׳האב אנגעהויבן טראכטן אז איך האב שוין געהאט געארבעט גענוג פארן טאג, האב איך דערהערט דאס גלעקל קלינגען. איך האב געעפנט די טיר פאר א ווילדפרעמדן מענטשן. ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף מיין נאמען; איך האב אים געזאגט. ער האט געפרעגט צי ער מעג אריינקומען.

— זיכער.

איך האב אים אריינגעפירט צו מיר אין וואוין־צימער און אים געבעטן זיך אנידערצוזעצן. ער איז געווען אביסל אין א פארלעגנהייט. איך האב אים אנגעבאטן א סיגארעט און ער האט נישט געקאנט פאררויכערן אן צו לאזן פאלן זיין הוט בשעת מעשה. דאס דערגרייכט, האב איך אים געפרעגט צי איך זאל נישט אוועקלייגן זיין הוט אויף א שטול. דאס האט ער אליין געטון און בשעת מעשה איז אים דער רעגנשירם אראָפּגעפאלן אויפן פוסבאדן.

— האפנטלעך נעמט איר עס נישט פאר אומגוט פון מיר אזוי אריינ־צופאלן צו אייך, — האט ער א זאג געטון. — מיין נאמען איז סטיוונס און איך בין א דאקטאר. איר אליין זענט אויך אין דער פראפעסיע, נישט אמת?

— יא, נאר איך פראקטיציר נישט.

— כ׳ווייס. איך האב געלייענט אייערס א בוך איבער שפאניען און געוואלט זיך משואל־עצה זיין מיט אייך.

— צום באדויערן איז עס נישט א זער גוט בוך.

— דאך איז עס א פאקט, אז איר ווייסט עפעס איבער שפאניען און איך קען נישט קיין אנדערן וואס ווייסט. און ס׳איז מיר איינגעפאלן, אז אפשר וועט איר אייך נישט אפזאגן מיר צו געבן געוויסע אינפארמאציעס.

— עס וועט מיך פרייען דאס צו טון.

ער האט געשוויגן א ווײלע. האט אויסגעשטרעקט די האנט צו הוט און אומבאוואוסטזיניק אים גענומען גלעטן מיט איין האנט, האלטנדיק אים מיט דער אנדערער. מיר האט זיך אויסגעוויזן ווי דערמיט געווינט ער צוטרוי.

— האפנטלעך וועט איר עס נישט האלטן פאר זער מאדנע וואס א ווילד־

פרעמדער מענטש קומט און רעדט אזוי צו אייך. — ער האט א שמייכל געטון ווי זיך צו אנטשולדיקן. — ניין, איך גיי אייך נישט דערציילן מיין ביאגראפיע.

ווען מ׳זאגט מיר אזעלכעס, ווייס איך גאנץ גענוי, אז גראד דאס גייט מען מיר יא דערציילן. עס מאכט מיר נישט אויס. אינדעראמתן געפעלט עס מיר דוקא.

— צוויי אלטע מומעס האבן מיך דערצויגן. אליין בין איך נאך אין ערגעץ נישט געוועזן, האב גארנישט אויפגעטון. ס׳איז שוין זעקס יאר ווי כ׳האב חתונה געהאט. איך האב נישט קיין קינדער. כ׳בין א דאקטאר אין א שפיטאל אין קאמבערוועל. כ׳קאן עס לענגער נישט פארטראגן.

עפעס מאדנעס איז געלעגן אין די קורצע שארפע פראזן, וועלכע ער האט באנוצט. זיי האבן אנטהאלטן א געצוואונגענעם קלאנג. ביז איצט האב איך אים נישט געהאט געשענקט מער ווי א גיכן און אויבערפלעכלעכן בליק, איצט אבער האב איך געקוקט אויף אים מיט נייגיר. עס איז געווען א קליין מענטשעלע, דיקלעך און שטארק, פון אן ערך דרייסיק יאר, מיט א רונדיק, רויטלעך פנים, פון וועלכן עס האבן ארויסגעשייגט קליינע, טונקעלע און זער גלאנציקע אויגן. זיינע שווארצע האר זענען געווען קורץ געשוירן, הארט ביים קאפ. געקליידט איז ער געווען אין א בלויען אנצוג שפארלעך אפגעטראגן. די הויזן האבן אים אויסגעזעען זעקיק און די קעשענעס אומזויבערלעך אנגעשטאפט.

— איר ווייסט דאך מסתמא וואס די פליכטן זענען פון א דאקטאר אין א שפיטאל. איין טאג איז מער־וויינקער ווי אן אנדערער. און דאס איז אלץ וואס איך קאן דערווארטן אין מיין לעבן. ווי מיינט איר, לוינט עס זיך?

— ס׳איז א מיטל אויף פרנסה, — האב איך געענטפערט.

— יא, כ׳ווייס. די הכנסה איז גאנץ גוט.

— אייגנטלעך ווייס איך נאך נישט פארוואס איר זענט געקומען צו מיר.

— דער אמת איז איך האב געוואלט וויסן צי לויט אייער מיינונג האט אן ענגלישער דאקטאר א שאנס אין שפאניען?

— פארוואס עפעס שפאניען?

— כ׳ווייס נישט, אן איינפאל אזא.

— ס׳איז נישט קיין קארמען, איר פארשטייט? — האב איך געשמייכלט.

— אבער עס איז דארטן דא זונענשיין, און גוטער וויין, און קאליר, און ס׳איז אויך דא לופט צום אטעמען. לאמיך אייך זאגן על רגל אחת וואס איך האב צו זאגן. צופעליק האב איך געהערט, אז עס געפינט זיך נישט קיין ענגלישער דאקטאר אין סעוויל. ווי מיינט איר, וואלט איך דארט מיר געקענט פארדינען אויף מיין שטיקל ברויט? איז עס טאקע א משוגעת אויפצוגעבן א גוטן, זיכערן פאסטן פאר עפעס אומזיכערס?

— וואס זאגט אייער ווייב דערצו?

— זי איז מרוצה.

— ס׳איז א גרויסע ריזיקע.



— כ׳ווייס. נאר טאמער זאגט איר „ריזיקירט!“, וועל איך אייך פאלגן: טאמער הייסט איר מיך דא בלייבן, וועל איך בלייבן.

ער האט אויף מיר געקוקט געשפאנט מיט די דאזיקע גלאנציקע, טונקעלע אויגן און איך האב פארשטאנען, אז ער מיינט וואס ער זאגט. איך האב נאכגעטראכט א ווײַלע.

— אייער גאנצע קאריערע שטייט אין קאן: איר מוזט אליין אנטשיידן. נאר דאס איינציקע וואס איך קאן אייך זאגן איז, אז אויב עס איז אייך נישט געלעגן צו פארדינען אסך געלט און איר זעגט גרייט בלויז אויף צו דערהאלטן די נשמה, זאלט איר אהינפארן. איר וועט דארטן זיכער האבן א וואונדערלעך לעבן.

ער איז אוועק, א טאג־צוויי האב איך נאך געטראכט פון אים, און דערנאך פארגעסן. דער עפיזאד איז מיר גענצלעך ארויס פון זכרון.

אסך יארן שפעטער, פופצן מינדעסטנס, האב איך מיך צופעליק געפונען אין סעוויל און נישט פילנדיק זיך מיט אלעמען האב איך מיך נאכגעפרעגט ביים פארטער אין האטעל צי עס איז דא אן ענגלישער דאקטאר אין שטאט. ער האט מיר געזאגט, אז עס איז דא און מיר געגעבן דעם אדרעס. איך האב גענומען א טאקסי און ווי כ׳בין צוגעפארן צום הויז איז פון דארטן ארויסגעקומען א קליינער, דיקלעכער מאן. ער האט זיך עפעס ווי געקווענקלט דערזעענדיק מיך.

— איר זענט געקומען זיך זעען מיט מיר? — האט ער געפרעגט. — איך בין דער ענגלישער דאקטאר.

איך האב אים דערקלערט וואס מיך ברענגט צו אים און ער האט מיך געבעטן אריינצוגיין. ער האט געוואוינט אין א געווענלעך שפאניש הויז, מיט א הויף, און זיין בעראטונג־צימער, צו וועלכן מען האט געדארפט גיין דורכן הויף, איז געווען אין אן אומארדנונג מיט כלערליי פאפירן, ביכער, מעדיצינישע מכשירים און אלטווארג. די מראה וואלט זיכער ארויסגערופן א געפיל פון עקל ביי אן איבער־קלובערישן פאציענט. אפגעטון אונזערס, האב איך געפרעגט דעם דאקטאר וויפל איך בין אים שולדיק. ער האט געשאקלט מיטן קאפ און געשמייכלט.

— גארנישט.

— פארוואס עפעס נישט!

— געדענקט איר מיך דען נישט? אייגנטלעך בין איך דא צוליב אן עצה וואס איר האט מיר געגעבן. דאס גאנצע לעבן האט איר מיר איבערגעענדערט. איך בין סטיוונס.

איך האב נישט געהאט די מינדסטע אהנונג פון וואס ער האט גערעדט. ער האט מיך דערמאנט אין יענעם אינטערוויו, איבערגעחזרט וואס ער האט מיר געהאט געזאגט, און ביסלעכווייז, ווי פון דער חשכה פון דער נאכט, איז א מטושטשע דערמאנערונג פון דעם אינצידענט צוריקגעקומען צו מיר.

— איך האב מיך געוואונדערט צי איך וועל אייך נאך אמאל זעען, —

האט ר געזאגט, — איך האב מיך געוואונדערט צי איך וועל נאך אמאל האבן א געלעגנהייט אייך צו דאנקען פאר דעם, וואס איר האט פאר מיר געטון.

— הייסט עס, איר האט יא געהאט הצלחה?

איך האב געקוקט אויף אים. איצט איז ער שוין געווען זער דיק און פליכעוואטע, נאר די אויגן זיינע האבן פריילעך געגלאנצט און זיין פליישיק, רויט פנים האט געהאט דעם אויסדרוק פון פערפעקטער אויפגעלייגטקייט. זיינע מלבושים, שרעקלעך ביליקע טאנדייט ארבעט, זענען באשיינפערלעך־קלאר געווען געמאכט פון א שפאנישן שניידער און זיין הוט מיט א ברייטן ראנד איז געווען דער סאמברערא פון דעם שפאניער. מיר האט ער אויסגעזעען ווי א מבין אויף א פלאש גוטן ווייו. האט געהאט דעם אנבליק פון א שטיקל שכור, הגם גאנץ סימפאטיש. איר וואלט אייך מסתמא געוויגערט אים צו לאזן אייך אפעררירן אויף דער בלינדער קישקע, נאר איר וואלט אייך בשום אופן נישט געקאנט פארשטעלן אן אנגענעמערן מענטשן, מיט וועמען אויסצוטרינקען א גלעזל וויין.

— זענט איר דען נישט געווען פארהייראט? — האב איך געפרעגט.

— יא. מיין ווייב איז שפאניען נישט געפעלן, האט זי זיך אומגעקערט קיין קאמבערוועל, דארטן פילט זי זיך מער היימיש.

— א שאד.

זיינע שווארצע אויגן האבן א בליץ געטון מיט א וואקכאנאליש שמייכעלע. ער האט איצט געמאכט דעם איינדרוק פון א יונגן סילענוס—א גראטעסקע פיגור אנגעשטאפט מיט בשמים.

— דאס לעבן איז פול מיט קאמפענסאציעס — האט ער געמורמלט.

קוים האבן די ווערטער זיך אראפגעגליטשט פון זיינע ליפן און א שפאנישע פרוי, נישט מער אין איר ערשטער יוגנט, נאר נאך אלץ בולט און ליידנשאפטלעך שיין, האט זיך באוויזן ביי דער טיר. זי האט זיך געוואנדן צו אים אויף שפאניש, און ס'איז מיר געווען אוממעגלעך נישט צו באמערקן, אז זי איז די בעל־הביתטע פון הויז.

בעת ער איז געשטאנען ביי דער טיר מיך ארויסצולאזן, האט ער צו מיר געזאגט:

— איר האט מיר געזאגט ווען איך האב מיך מיט אייך דעמאלט געזעען, אז אויב איך וועל אהערקומען, וועל איך פארדינען גענוג אויף צו דערהאלטן די נשמה, נאר איך וועל האבן א וואונדערלעך לעבן. לאמיך אייך זאגן, אז איר זענט געווען גערעכט. ארים בין איך געווען און ארים וועל איך שוין אייביק בלייבן, נאר — ביי גאט! — א הנאה האב איך יא געהאט. איך וואלט נישט אויסגעביטן מיין לעבן מיט קיין מלך אין דער וועלט.

פון ענגליש איבערזעצט,

**א. אלמוג**



ש. י. דארפזאן

## זכרונות וועגן מאריס שווארץ, ע״ה

1

אין חודש מאי, 1924, איז מאריס שווארץ מיט דער גרויסער טרופע פון זיין „יידישן קונסט־טעאטער" געקומען קיין ווין גאסטראלירן אין דער „ראָלאנד־בינע", אויף דער פון יידן באוווינטער פראטער־שטראסע. אין דעמזעלבן „ראלאנד־בינע" טעאטער האט, אגב, מיט א יאר פריער, אין 1923, גאסטראלירט די „ווילנער טרופע", וועמענס אייגנארטיקע אויפפירונגען פון א גרעסערע צאל פיעסן פון יידישן, און ניט־יידישן טעאטער רעפערטואר, האבן ארויסגערופן א גרעסערן רושם אין דעם ווינער טעאטער־וועלטל, ווי די גאסטראלן פון מאריס שווארצס טרופע, וואס האט מיטגעפירט אייגענע דעקאראציעס און ליכט־פראזשעקטארן.

דעם אמת געזאגט, איז מאריס שווארץ געקומען קיין ווין נישט בלויז צו שפילן טעאטער, נאר אויך מיטן צוועק צו מאכן א „שטימען" פילם פון הערי סעקלערס „יזכור" (רעזשי סידני גאָלדין, ע״ה), כדי פון די פילם־הכנסות צו דעקן די פארויסגעזעענע דעפיציטן, וואס וועלן זיין פון די טעאטער־פארשטעלונגען . . .

מאריס שווארץ איז אין דעם פרט געווען א מין „פינאנסיעלער מכשף". אט האט ער געהאט גרויסע דעפיציטן, און אט זענען זיי געדעקט געווארן מיט די פארדינסטן פון אן אנדער שטאט, אבי דאס „טעאטער דריידל" זאל זיך דרייען. און עס האט זיך „געדרייט", דאס טעאטער דריידל ביי מאריס שווארצן, ביז אין די לעצטע טעג פון זיין גרויסן, עס ווילט זיך זאגן — „אוואנטיוריסטישן" טעאטער לעבן.

דער מלאך־המוות האט פון אונזערע רייען ארויסגעריסן א פול־בלוטיק, אומגעזעטיקט לעבן פון א גרויסן יידישן טעאטער־רעזשיסאר און אייגנארטיקן בינע קינסטלער; געשעפטס־פירער און וועל כולום — דעם וואגיקסטן טעאטער־פאנטאזיאר, וואס מיר האבן פארמאנט. ווארעם — אָן דער געבענטשטער מאס פון פאנטאזיע, וואלטן מיר נישט געהאט קיין אברהם גאלדפאדן, און די נאכפאלגנדיקע טרובאדורן און מסירת־נפשדיקע עקשנים פון יידישן טעאטער.

מאריס שווארץ, ע״ה, איז געווען איינער — און אפשר דער לעצטער פון דער יידישע שעפערישער טעאטער־פלעאדיע.

2

אין יענעם זומער, 1924, ווען איך האב מיך באקאנט מיט מאריס שווארצן, איז ער געווען, לערך 37 יאר אלט. אבער ענערגיע און טעאטראלישן התלהבות האט ער געהאט א גרעסערע, ווי די צאל מיטגלידער פון זיין אנסאמבל.

שווארץ איז בטבע געווען א מין טעאטער וואולקאן, וואס האט 24 שעה אין מעת־לעת געלעבט מיט יידיש טעאטער. ער האט געשפרודלט מיט נייע

איינפאלן און אידייען, מכוח זיינע קומענדיקע ספעקטאקלען, וואס זאלן איבערשטייגן די פריערדיקע, אין פרט פון רעזשי, מאסן־סצענעס, דעקאראציעס, ליכט־עפעקטן, מוזיק, וכדומה. איז טאקע א גרויסער חידוש, פון וואנען האט מאריס שווארץ צייט געהאט צו באוועלטיקן די אומגעהויער שפע פון זיין שפרודלדיקער טעאטער ענערגיע?

אט איז א שטיקל חשבון:

אין משך פון די ערשטע 15 יאר פון זיין קונסט־טעאטער, האט מאריס שווארץ אויפגעפירט די ממש פאנטאסטישע צאל פון 134 (הונדערט פיער און דרייסיק!) פיעסן פון 72 (צוויי און זיבעציק) מחברים, יידישע און ניט־יידישע. אדרבא: זאל אימיצער אנווייזן אויף נאך אזא אוניקום אין דער אוניווערסאלער טעאטער־פראפעסיע, אז איין איינציקער מענטש זאל דאס אלץ באוועלטיקן, ווי א צולאג צו די צענדליקער אנדערע, „זייטיקע" באשעפטיקונגען, וואס מאריס שווארץ האט געהאט אין זיין טעאטער.

און נאך א וויכטיקער פרט: מאריס שווארץ האט נישט בלויז רעזשיסירט, נאר אויך באארבעט, פאר זיין טעאטער, א צאל מיט ראמאנען, י. י. זינגערס „יאשע קאלב", „די ברודער אשכנזי", און פון אנדערע יידישע שרייבער, וואס האבן געהאט אן אויסערגעוויינלעכן מאראלישן און פינאנסיעלן דערפאלג.

אוודאי זענען אין יידישן טעאטער געווען גרעסערע בינע־קינסטלער און רעזשיסארן. אבער מאריס שווארץ האט געהאט אסך אימפעט און שוואונג, וואס זיינע פארגייער האבן נישט פארמאגט.

לעולם, זענען געווען עטלעכע „מאריס שווארצס" אין איין גוף און נשמה. מאריס שווארץ — דער קינסטלער, דער רעזשיסאר, געשעפטס־פירער, ארגאניזאטאר וכדומה. אבער „מאריס שווארץ" — דער פארליבטער פרינץ אין יידישן טעאטער, איז געווען דער אנגעזעענסטער פון זיי אלע.

3

אין משך פון די לעצטע 20 יאר, האט מאריס שווארץ ארומגעוואנדערט פון לאנד־צו לאנד און נישט געקאנט געפונען קיין מקום־מנוחה פאר זיין קונסט־טעאטער.

אט איז ער אין בוענאס איירעס, און ער ווערט ממש ווי פארכאפט פון א פלאן, אויפצושטעלן אין דער ארגענטינער הויפט־שטאט די פערמאנענטע היים פאר זיין טעאטער, וואס זאל עטלעכע חדשים אין יאר עולה־רגל זיין איבער די ישובים פון די לאטיין־אמעריקאנער לענדער, אייראפע און מדינת ישראל.

שווארץ פלאגט אויפצושטעלן א יידיש־קינסטלערישן „וועלט־טעאטער". ער באגייסטערט זיין אידייע מיט א סעריע ארטיקלען אין די יידישע צייטונגען, אנווייזנדיק. די נויטווענדיקייט פון אזא „וועלט־טעאטער". ווער עס האט געקאנט שווארצן פערזענלעך האט פארשטאנען, אז דאס איז א נייער אויפברויז פון זיינע אומגעזעטיקטע טעאטער אַפעטיטן.

אט קומט שווארץ מיט אן „אידייע פיקס", צו שפילן יידיש טעאטער —



אויף ענגליש, כדי מהנה זיין די ענגליש־רעדנדיקע יידן מיט די פערל פון די יידיש־דראמאטישע שאפונגען. ער מאכט פארשידענע, אויף דעם געביט עקספערימענטן, וואס האבן נישט מצליח געווען.

און אט איז מאריס שווארץ אין לאנדאן (אין יולי, 1947). געקומען, ווי מ'זאגט א „טאפ טאן דעם דופק", אויב עס לאזט זיך אריבערפלאנצן זיין „קונסט־טעאטער" קיין ענגלאנד, כדי פון דאנען אויס זיך אריבערצוכאפן שפילן יידיש טעאטער אין פאריז, בעלגיע, האלאנד און אנדערע לענדער אין אייראפע.

מיט 7 יאר צוריק, האב איך ווידער געטראפן שווארצן אין לאנדאן. דאסמאל — מיט א שפאגל — נייעם פלאן: — צו גרינדן א יידיש־ענגלישן טעאטער, אויף קאאפעראטיווע יסודות, און דער אנסאמבל זאל זיך רעקרוטירן פון יונגע, יידיש־ענגלישע אקטיארן און אקטריסעס. שווארץ רעדט מיט אסך באגייסטערונג וועגן זיין נייעם פלאן, און ער צינדט ממש אן די צוהערער מיט דער אידייע.

פלענער, אן א שיעור טעאטער פלענער!

דאס איז געווען מאריס שווארץ!

ער איז, נישט געקוקט אויף זיין זיך דערנענטערטער זקנה, געווען פריש און דינאמיש, ביז אין די לעצטע טעג פון זיין שעפערישן — און דאך נישט געזעטיקטן טעאטער לעבן.

4

אט איז מאריס שווארץ אין ישראל.

און ווידער שפרודלט ער מיט זיין נייעסטן פלאן: — אויפצושטעלן אין דער יידישער מדינה זיין טעאטער געצעלט, וואס זאל עטלעכע חדשים אין יאר מאכן א טורנייע איבער די תפוצות פון אייראפע און די ביידע אמעריקעס. ער שטעלט צונויף א טרופע פון די, אין ישראל אנזעסיקע יידישע אקטיארן און ער מאכט דארט, ווי מ'זאגט, „גילדענע געשעפטן".

שווארץ איז גליקלעך! ענדלעך האלט זיין פלאן און יארן־לאנגער חלום ביי פארווירקלעכט ווערן.

און פלוצים — א דערשיסערנדיקע ידיעה פון תל־אביב:

„שווארץ האט באקומען א הארץ־אטאק און ער ליגט אין שפיטאל".

שווארץ, דער פיזישער גיבור האפט, אז ער וועט זיך ארויסדרייען פון דעם מלאך המות'עס לאַפעס... ער איז טאקע שוין 73 יאר אלט. אבער ער פילט זיך נאך יונג, פול מיט ענערגיע און מיט פאנטאזיעס וועגן דער צוקונפט...

אבער מאריס שווארץ פארשפילט די מלחמה מיט דעם, אויף אים לויערנדיקן מלאך־המות...

דער „אייביקער טויט" האט אים, סוף־כל־סוף — גובר געווען...

מיטן טויט פון מאריס שווארץ איז איינגעפאלן די לעצטע מויער פון דער זיך קרישלדיקער פעסטונג פון יידישן טעאטער!

כל־זמן שווארץ האט געלעבט האבן מיר געהאפט, אז עס וועט געשען

עפעס א נס מיטן יידישן טעאטער, ווייל מאריס שווארץ גופא, דער אייביקער עקשן, איז דאך געווען כולו נס, וואס האט געפירט א יארן לאנגע מלחמה מיט דעם נאגנדיקן פעסימיזם ארום דעם יידישן טעאטער. אבער ווען ער איז שוין אויך אוועק אין דער אייביקייט, האט ער מיטגענומען אין קבר אריין דאס ביסל אפטימיזם, וואס האט אין אונז געטליעט, בנוגע דער צוקונפט פון אונזער חרוב געווארענעם יידישן טעאטער.

זענען מיר געגליכן צו טאפלטע יתומים: מיר האבן פארלוירן נישט בלויז דעם יידישן טעאטער־עולם, די אקטיארן און אקטריסעס, נאר אויך די סאמע וויכטיקסטע כוהנים פון יידישן טעאטער.

מאריס שווארץ איז געווען איינער פון זיי!

כבוד זין אייביקן אנדענק!

(שלום פון לייטאַרטיקל)

## קול-העם כל הגוימדיקער

אַז דער קול־העם, כל־הגוימדיק,
באַשטימען וועט פון אונז פטור צו ווערן,
(אומעטום זיינען דאָ די ערענבורג׳ס!...)
וועלן מיר זיך קייגן אים קענען ווערן?

טמאהדיק, מיט מערהייט באַשטימט שוין מ׳האָט,
צומאָל אויף אַ דעמאָרדקראַטישן אופן:
מיט ברייזל שפייז, אז מיר זאָלן אַליין,
ווי די מייז אין די לאַפקעס אַריינלויפן.

ווי מיר גריזשן זיך שוין איינס ס׳אַנדערע,
זינג־און שפרינג־קדושים אויף הינטער־פיסלעך:
ניין, מ׳וועט נישט פאַרגאַזן, נישט דערשיסן,
מיר וועלן אויסשטאַרבן, מעט מעט — צו ביסלעך.

בלויז זע, לעצטע פעדער אונטער דער נאָז,
דאָס לעצטע וואָרט פון גוסס טוט אויפשרייבן
און פון גרויס שמחה, אַ לעבעדיקער,
פון טויטן־בעט ער טוט זיך אויפהייבן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

### אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער

שבת, דעם 29׳סטן אָקטאָבער — סעם גאָלדבערג און עלעוו ווינאָגראַד, אין אַ פראָגראַם: די רעוויערא און איך אין גאָלדענע שיך.

שבת, דעם 5׳טן נאָוועמבער — בעלא וויינער פון איר רייזע אין סאָוויעט רוס־לאַנד, מאיר באָגדאַנסקי וועט זינגען פאָלקס לידער.

שבת, דעם 12׳טן — געווידמעט דעם 100׳סטן געבוירן פונם יידישן היסטאָ־ריקער שמעון דובנאָוו.

ש. י. דארפזאן

## א „יעמוד" פאר ענגליש, פראנצויזיש און שפאניש — אבער נישט פאר יידיש!

(אן אפענער בריוו צו די ארגאניזאטארן פון דער פאר־קאנפערענץ, צו שאפן א וועלט־פארבאנד פון יידישע זשורנאליסטן)

בשייכות מיט דעם שטארק רעקלאמירטן קאנגרעס צו שאפן דעם, זינט יארן געפלאנטן וועלט־פארבאנד פון יידישע זשורנאליסטן, וועמענס פאר־קאנפערענץ וועט אפגעהאלטן ווערן אין ירושלים, דעם 25־טן דעצעמבער, 1960, האט דער ישראלדיקער זשורנאליסטן פארבאנד, ארויסגעשיקט קול־קוראס צו דער יידישער וועלט־פרעסע און יידישע זשורנאליסטן־ארגאניזאציעס אין די תפוצות, צו שיקן דעלעגאטן צו דער פאר־קאנפערענץ, וואס פאלט אויס גלייכצייטיק, מיטן ציוניסטישן וועלט־קאנגרעס, וועלכער וועט אין דיזעלביקע טעג אפגעהאלטן ווערן אין דער הויפט־שטאט פון מדינת ישראל.

אין דעם ענגלישן ביולעטין, נומער 2, פון 9־טן אקטאבער, ה. י. וואס ליגט פאר מיר, ווערן אויסגערעכנט די ארגאניזאציעס, וואס האבן געגעבן זייער ברכה צו דער דאזיקער פאר־קאנפערענץ, און זיינע פארשטייער, וואס האבן זיך באטייליקט אין די בעראטונגען מכוח דער פאר־קאנפערענץ, צווישן זיי — דער דירעקטאר פון ישראלדיקן פרעסע־ביורא; דער „יידישער אגענץ"; פון „יידישן וועלט־קאנגרעס" און פון נאציאנאלן פארבאנד פון די העברעאישע זשורנאליסטן. אבער א גאר וויכטיקערעס ווילט זיך זאגן־דער סאמע גלאוונער מחותן — א פארשטייער פונעם יידישן זשורנאליסטן פאריין אין ישראל, האט נישט קיין אנטייל גענומען אין די דאזיקע בעראטונגען, ווייל ער איז, אפנים, נישט איינגעלאדן געווארן, ווי נישט איך מיינט מען!

והשנית: אין דעם באטרעפנדן צירקולאר (נומער 2) ווערט געזאגט, צוו. אנד. אז דאס ביורא, וואס פאָרעט זיך ארום דער פאר־קאנפערענץ, האט ביז־איצט ארויסגעשיקט צירקולארן צו דער יידישער פרעסע, צו יידישע שרייבער־ארגאניזאציעס און זשורנאליסטן־יחידים, אין פינף לשונות, דהיינו: אין העברע־איש, ענגליש, פראנצויזיש, שפאניש און... יידיש. אויפן פארטן ארט, נאך ענגליש, פראנצויזיש און שפאניש, גייט ביי די גרויסע ליבהאבער פון אזא יידישער שרייבער־ארגאניזאציע דאס יידישע לשון, ווי א זייטיקער אורח אויף דער שמחה פון הער פאר־קאנפערענץ.

דאס טרויעריקסטע פון דער זאך איז, אז די ארגאניזאטארן פון דער באט־רעפנדער פאר־קאנפערענץ ווילן פשוט זיך נישט „אריענטירן" אין דעם פאקט, אז לעת עתה זענען נאך נישט פאראן קיין טעגלעכע יידישע צייטונגען, נישט אין ענגליש, נישט אין פראנצויזיש און אוודאי נישט אין שפאניש. אבער יידיש־לשונדיקע טאגצייטונגען דערשיינען, ב"ה, אין מדינת ישראל, פראנקרייך, קאנאדע, ניו־יארק, ארגענטינע און אורוגוויי, שוין אפגערעדט פון צענדליקער יידישע וואכנבלעטער און זשורנאלן, אבער פאַר די העברעער זאגט דאס גאר־נישט. פאר זיי איז שפאניש, למשל, וויכטיקער ווי יידיש.

והשלישית: דאס פריער־דערמאנטע ביורא, וואס פירט אן מיט ארגא־ניזירן די פאר־קאנפערענץ, האט די העזה צוצישיקן די ענגלישע ביולעטינען

צו די יידיש לשונדיקע שרייבער און זשורנאליסטן, איינגעשלאסן צו דעם לאנדאנער חודש־זשורנאל, „לשון און לעבן", נישט אריענטירנדיק זיך, אפנים, אז עס האנדלט זיך אין יידישע, און נישט אין „אינגליש פעיפערס".

אזא נבזהדיקע באציאונג פארדריסט ביז גאר!

יידיש לשון פארדינט צו זיצן אויבן־אן, אויף דער סאמע מזרח־וואנט, צווישן די יידישע פען־מענטשן פון די תפוצות, וואס ווען־אפשר־קומען צו דער אסיפה. געדענקט, העברעאישע קאלעגן, אז נאך יידיש־קומט ענגליש, פראנצויזיש און שפאניש — און נישט פארקערט. אויב איר וועט פאר־ניינען דעם דאזיקן פאקט, איז באמת א שאד אייער טירחה, מכוח דער שאפונג פון א וועלט־פארבאנד פון יידישע פען־מענטשן, ווייל מיר וועלן נישט מוותר זיין קיין קמץ פון דעם כבוד און רעכט, וואס עס פארדינט, זיין מאיעסטעט, יידיש לשון!

## לאנדאן קולטור-ידיעות

ביים הערצל און ביאַליק אָוונט איינגע־אָרדנט פון דער קולטורגעזעלשאַפט און פועלי־ציון אין אַדלער־האָל האָבן גערעדט קלינגער, יעזשערסקי, ש. מילער, רעציטער ביאַליקן און געזינגען האָט לעאָן בלומענזאָס. פאָרזיץ א. ריכט־גער.

• • •

אהרון י. ראַלין איז 75 יאָר, מיר ווינטשן אים אריכות ימים און כוחות אָנצוגיין מיט זיין שרייבערישער און געזעלשאַפטלעכער קולטור־אַרבעט.

• • •

דער בונד האָט אויפגענומען ביי אַ גלעזל טיי ווי געסט וואָס ווייִלן איצט אין לאָנדאָן די חשובע חברים מילמאַן און שראַגער.

• • •

דער שרייבער פעראיין, די אַגענץ און דער יידישער וועלט קאָנגרעס האָט איינגעאָרדנט אַן אַקאַדעמיע צום 100׳סטן געבוירן יאָר פון נחום סאָקאָלאָוו. עס האָבן זיך באַטייליקט: יואל צאַנק, ש. גאָלדשמידט עזרא סאָסנאָ־וויטש א. נ. שטענצל און די טאָכטער פון נחום סאָקאָלאָוו, ד״ר צעלינא סאָקאָלאָוו. פאָרזיץ א. מ. קייזער.

• • •

שלומה קויהען, אויף זיין רייזע פון ישר־אל צוריק קיין קאַנאַדע, ווייִלט דאָ עטלעכע טעג מיט זיין פרוי.

• • •

זונטיק, דעם 23 אָקטאָבער איז געשטעלט געוואָרן די מצבה פון ס. סערעס. סערעס ע״ה איז געווען אַ לאַנג יאָריק מיטגליד פון ייווא־קאָמיטעט און אויך פון פריינט פון יידיש לשון.

פריינט פון יידיש לשון האָט אָפגעשיקט אַ דעפעטע צום רוסישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן: מיר באַטייליקן זיך אינם טרויער פון די רוסישע יידן צום טויט פון פאָעט שמואל האַלקין.

• • •

ביי דער אָרט־קאָנפערענץ וואָס איז פאָר־געקומען היינטיקן חודש אין לאָנדאָן האָבן זיך געפונען, צווישן די דעלעגאַטן וואָס זיינען זיך צוזאַמגעקומען פון אַלע לענדער, צווישן אַנדערע אויך די שרייבער יעפים ישורון דר. משה מערקין, לענעמאַן שראַגער, זילבערבערג, שבתאי, גאָלדמאַן, מילמאַן און אדאָלף העלד א.א.

• • •

ד״ר שעפלער איז געוואָרן אַ בן שבעים מיר ווינטשן אים אריכות ימים און כוחות אָנצוגיין מיט זיין ציוניסטישע און ישראל אַרבעט.

• • •

ד״ר יעקב מייטליס פירט אָן מיט אַ קורס לעקציעס פאַר יידישער ליטעראַטור ביים „דזשואיש קאָלעדש" יעדן מאָנטיג אָוונט פון 8 ביז 10 — איינגעאָרדנט פון דער לאָנ־דאָנער אוניווערזיטעט.

• • •

צו די שלושים פון פאָעט שמואל האַלקין ע״ה האָבן ביי די שבת נאָכמיטאָגס גערעדט יעקב סאָנטאַג און עלעק וואָטערמאַן. פון האַלקינס דיכטונג האָבן פאַרגעליינט נעט רובין און אייזיק גאָלדבערג.

• • •

דער סעמינאַר פון פריינט פון יידיש־לשון איז אונטער פעטראָנאַט פון ל.ק.ק.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטי־

נומער 12־11 (העפט 350) איין און צוואַנציקסטער יאָר נאָוו.־דעצ. 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

„רבים ביד מעטים", צום ערשטן חנוכה ליכטל, זאת חנוכה ... ** 1
קאַפיטל א. פון ספר חשמונאים ... 10
דאָס דריידל (פאָעמא) ... י. י. שוואַרץ 13
אַ קלער שטוב (ליד) ... שמואל ווהייט 14
איך זאָג קדיש נאָך מיין מאַמע (ליד) ... ה. פאַצאַנאַווסקי 15
אויף חרובע וועגן (קאַפיטל פון ראָמאַן) ... משה דאָמב 16
צום בוך „ווייטשעפל", אַן אַלטער דעמב (ליד און באַלאַדע) ... א. נ. שטענצל 22
ביכער אויף מיין טיש (רעצענזיע איבער צאַנינס העברעאיש יידישן ווערטער־בוך) ... ש. י. דאָרפסאָן 25
דובנאָוו׳ס „וועלט געשיכטע פון יידישן פאָלק (קריטישע אפהאנדלונג) י. ריכטיגער 27
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ... 32

פ ר י י נ ט   פ ו ן   י י ד י ש   ל ש ו ן

## גראנדיעזער חנוכה באל

(טאַנץ און געשמאַקער צובייסן — לאַטקעס און דריידלעך)

אין דער אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

**שבת, 17־טן דעצעמבער**

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס — אָנפאַנג, 7.30

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*